№ 10 RADOMER EXPRESS ראדאמער 16 זייטן 1-טער יאהרגאנג פרייז 25 גר.

עקספרעס

Adres redakcji i administracji Radom, Żeromskiego 5 · 1 września 1933 r. · ראדאם פרייטאג פ׳ תצא׳ אלול תרצ״ג

אין מאריענבאד האבען היטלעריסטען נעבטען

ערמארדעט דעם יודישען פראפ. לעסינג

דער ערמארדעטער איז געוועזן א וועלט-בעריהמטער געלעהרטער. — געהיימער טויט-אורטייל.—אנפאל פון „פעלקישער בעאבאכטער".—טשעכישע רעגירונג וועט פראטעסטירען געגען דער שרעקליכער רציחה

פראג, 31 (יט"א). די טשעכאסלאוואקישע רעפובליק, איז היינט פריה אויפגעטרייסעלט געווארען דורך דער ידיעה וועגען מארד, וואס איז היינטיגע נאכט אויסגעפיהרט געווארען איבער דעם אינטערנאציאנאל - בעקאנטען יודישען געלעהרטען און פילאזאפישען שריפטשטעלער פון דייטשלאנד פראפ. טעאדאר לעסינג.

דער מארד איז אויסגעפיהרט געווארען אין מאריענבאד, וואו פראפ. טעאדאר לעסינג האט געוואוינט אלס אנטלאפענער פון דייטשלאנד.

די מערדער האבען זיך איינגעבראכן פון מיטוואך אויף דאנערשטאג ארויפבעקומען מיט א לייטער אויפ'ן דריטען שטאק, וואו פראפ. לעסינג האט געוואוינט. די מערדער האבען געגעבען צוויי שאסען, פון וועלכע פראפ. לעסינג איז שטערבליך פערוואונדעט געווארען.

אין א שעה ארום איז דער געלעהרטער געשטארבען אין שפיטאל. יעדע הילף האט זיך ארויסגעוויזען אלס פערשפעטיגט. פראפ. לעסינג איז אלט געווען 61 יאהר.

דער מארד פון בעריהמטען יודישען געלעהרטען האט געמאכט א'ן ערשיטערענדען איינדרוק אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס.

ווי עס ווערט אנגעוויזען, איז ערשט מיט עטליכע טעג צוריק, זונטאג, האט דער „פעלקישער בעאבאכטער" פערעפענטליכט א פערביסען-אנפאלערישען ארטיקעל געגען פראפ. לעסינג, פאחוואר־פענדיג איהם זיין אנטי-דייטשע פראפאגאנדע אין אויסלאנד.

די גאנצע טשעכאסלאוואקישע פאליציי איז געשטעלט געווארען אויף די פיס, כדי צו כאפען די מערדער, הגם עס איז כמעט ווי זיכער, אז די מערדער האבען שוין פערלאזען די גרעניצען פון טשעכאסלאוואקיי און געפינען זיך אמוואהרשיינליכסטען צוריק אין דייטשלאנד, פונוואנען זיי זענען — וואס עס אונטערליגט נישט קיין צווייפעל — געקומען. (דער וועג פון מאריענבאד ביז דער דייטשער גרענעץ דויערט מיט'ן אויטא נישט מעהר ווי א שעה צייט).

פראפ. לעסינג איז בעת דער עפענונגס-זיצונג פון ציוניסטישען קאנגרעס געווען איינער פון די עהרען-געסט פון קאנגרעס און פערנומען א'ן ארט צווישען די איינגעלאדענע געסט, וואס זענען געזעסען אויף דער קאנגרעס-טריבונע הינטער דער עקזעקוטיווע.

דער ערמארדעטער געלעהרטער האט גענומען א זעהר טעטיגען אנטייל אין דער אקציע איינצו־ארדענען אין פערשידענע לענדער די פערטריבענע יודישע געלעהרטע פון דייטשלאנד.

קורציגע וואך האט פראפ. טעאדאר לעסינג געוואלט אויפגענומען ווערען דורך דעם טשעכא־סלאוואקישען פרעזידענט פראפ. מאסאריק, מיט וועלכען ער האט געוואלט ארומרעדען די לאגע פון די יודישע פליטים פון דייטשלאנד.

פראפ. לעסינג האט לעצטענס דורכגעפיהרט א פארטראגען-טורנעיר איבער טשעכאסלאוואקיי וועגען דער לאגע פון די יודען אין דייטשלאנד.

דער ערמארדעטער איז געווען איינער פון די ערשטע קרבנות פון היטלעריסטישען רעזשים. זיין נאמען האט פיגורירט אין דער ערשטער ליסטע פון יודישע פראפעסארען, וואס זענען בעזייטיגט געווארען פון די דייטשע אוניווערזיטעטען. דער ער־מארדעטער איז געווען פראפעסאר פון פילאזא־פיע אויף דער טעכנישער הויכשול אין האנאווער.

פראפ. לעסינג האט מיט עטליכע טעג צוריק בעקומען דראהונגס-בריף, אין וועלכע מען האט איהם מיטגעטיילט, אז ער איז פעראורטיילט גע־ווארען צום טויט. דער געלעהרטער האט אבער דע־רויף נישט געלעגט קיין אכט און נישט אונטערגע־נומען קיין שום פארזיכטס-מיטלען.

עס איז אבסאלוט זיכער, אז דעם מארד האָ־בען אויסגעפיהרט ספעציעל ארגאנעזירטע נא־ציאנאל-סאציאליסטישע מארד-אגענטען.

די ערשטע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז אין דער אויספיהרונג פון מארד, וועלכער איז געווען פלאנמעסיג און זעהר גוט צוגעגרייט, האבען זיך בעטייליגט נישט ווייניגער ווי 5 מאן. די פאליציי האלט, אז צוויי פון די מערדער האבען ארויפגעקלעטערט מיט א לייטער אויפ'ן דריטען שטאק, וואו פראפ. לעסינג האט געוואוינט. אין נאכ'ן דערשיסען דעם קרבן, זענען די מערדער מיט'ן זעלבען וועג אראב.

דאס טשעכאסלאוואקישע איגערן - מיניס־טעריום האט מיטגעטיילט דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור, דאס אויב עס וועט זיך ווירקליך ארויסווייזען, אז אין דעם מארד איבער פראפ. לע־סינג האבען זיך בעטייליגט דירעקט אדער אינדי־רעקט רייכס-דייטשע בירגער, איז די רעגירונג פון דער טשעכאסלאוואקישער רעפובליק ענטשי־דען ארויסצוציהען דערפון ווייטגעהענדע קאנסעקו־ווענצען. אין דעם פאל וועט די טשעכאסלאוואקי־שע רעגירונג איבערגעבען איהר שטארקסטען פראַ־טעסט דער דייטשער רעגירונג און מיט דער גאנ־צער קאטעגארישקייט פאדערן צו בעשטראפען די אויספיהרער פון דעם שרעקליכען מארד.

דערווייל האט די טשעכאסלאוואקישע מאכט פערשטארקט די וואכען אויף אלע גרעניצען פון דער רעפובליק.

דער טראגיש-אומגעקומענער איז געבוירען געווארען אין 1872 אין האנאווער. אין 1903 איז ער געווארען פריוואט-דאצענט פון פילאזאפיע אויף דער טעכנישער הויכשול אין האנאווער. אין דער יוגענד איז לעסינג געהאט אריבער צום קריס־טענטום. אבער אונטער דער ווירקונג פון דער ציו־ניסטישער בעוועגונג האט ער זיך אין 1900 אומ־געקעהרט צום יודענטום און זיך אנגעשלאסען צו־זאמען מיט זיין פרוי (שטאמט פון פרייסיש־קריסטליכען אדעל) צום ציוניזם און שפעטער אויך צו דער פאציאליסטישער בעוועגונג.

פראפ. לעסינג האט פערנומען אנ'אנגעזעהען ארט אין די רייהען פון דער דייטשער דעמאקרא־טיע און איז געווען איינער פון די טעטיגסטע קעמפער פון פארטשריטליכען געדאנק. נאך מיט יאהרען צוריק האט די דייטשע רעאקציע געגען איהם געשארפט די ציינער.

א בעזונדערס שארפען קאמף האט געגען איהם געפיהרט די אנטיסעמיטיש - שאוויניסטישע סטו־דענטענשאפט אין דייטשלאנד. ווען פראפ. לעסינג האט אין 1925 — אוממיטעלבאר פאר דער וואהל פון הינדענבורג'ן אלס רייכס-פרעזידענט — פער־עפענטליכט אין „פראגער טאגבלאט" א קריטישען ארטיקעל וועגען הינדענבורג'ן, איז צווישען די סטו־דענטען אין האנאווער ענטשטאנען א בעוועגונג פון אנטיסעמיטישען כאראקטער, וואס האט געפא־דערט לעסינג'ס בעזייטיגונג פון דער הויכשול.

די בעוועגונג האט תיכף ארומגענומען די גאנצע דייטשע סטודענטשאפט, וועלכע האט ארגאניזירט א ווילדע העץ-קאמפאניע געגען דעם געלעהרטען. די דאזיגע קאמפאניע האט זיך צייט־ווייז אבגעשוואכט, אבער פאקטיש קיינמאל נישט איינגעהערט און געדויערט ביז'ן היטלער-רע־זשים, וועלכער האט ביי פראפ. לעסינג'ן ענדליך צוגענומען זיין פראפעסארען-מיטעל. די האנא־ווערשע סטודענטען האבען אין 1925 פראקלא־מירט א גענעראל-שטרייק פון אלע דייטשע הויכ־שולען געגען פראפ. לעסינג'ן. דער שטרייק האט זיך אבער נישט איינגעשטעלט. די בעוועגונג פון די האנאווערשע סטודענטען איז מאלעריזירט גע־ווארען הו דורך דער מאכט אין האנאווער, הן דורך די הויכשול-פראפעסארען. די רעאקציאנערע פארטייען האבען די העץ-קאמפאניע אקטיוו אונ־טערשטיצט. די לאגע פון פראפ. לעסינג אויף דער האנאווערשער הויכשול איז שוין דעמאלס געווארען אנ'אומערטרעגליכע. ער האט זיך נישט אבגעזא־גט פון זיינע אנטיסעמיטישען מעהאד, לסוף איז ער געווען געצוואונגען אינצוגעהן אויף א קאמפראמיס. פראפ. לעסינג האט בעקומען פון פרייסישען בילדונגס-מיניסטעריום א פארשונגס־אויפטראג און האט אין 1926 אבגעשטעלט זיינע פארטראגען אויף דער הויכשול. זייט דעמאלס איז פראפ. לעסינג געווען הויפטזעכליך טעטיג אלס פובליציסט און אויף פארטראגס-רייזען.

פראפ. לעסינג האט פערפאסט א רייהע פילא־זאפישע און פילאזאפיש-היסטארישע ווערק. אין דער יוגענד האט ער געשריבען איינינע פארטיי־ווערק. צו זיינע שפעטערע ארבייטען געהערען: „שאפענהויער—וואגנער—ניצשע (1908), „ווערט־אקסיאמאטישע סטודיען" (1909), „פילאזאפיע אלס טהאט" (1914), „גייסטיגער אונטערגאנג" פון דער ערד — אייראפא און אזיען (1915), גע־שיכטע אלס זינגעבונג פון זינלאזען (1919) א.א.

דער שטורם אויף דער גאנצער וועלט

געגען דעם האנדעלס-אבמאך צווישען א״י און דייטשלאנד

ניו-יארק, 31 (יט"א). אחוז. סאמועל אונ־טערמייער און הרב אבא הלל סילווער האבען ארויסגעשיקט דעפעשען צום ציוניסטישען קאנ־גרעס אין פראג, אין וועלכע זיי פערורטיילען שארף דעם געפלאנטען האנדעלס-אבמאך צווישען א"י און דייטשלאנד אלס שעדליכען און ערנידרי־גענדען.

אחוז. אונטערמייער דראהט, האס אויב דער דערמאהנטער אבמאך וועט ענטשידען נישט אב־געווארפען ווערען, וועט די אמעריקאנער ציוניס־טישע קאנפערענץ זיך פון איהם אבגרענעצען און וועט אברופען די אמעריקאנער דעלעגאטען פון קאנגרעס.

הרב סילווער האט דעפעשירט, אז די ציוניס־טישע ארגאניזאציע מאר נישט ערלויבען זיך לאָ־זען פערוואנדלען אין א ווערקצייג אין היטלער'ס הענד אויף צו ברעכען דעם אנטי-דייטשען באַי־קאט. אין פאל ווען דער אבמאך זאל צושטאנדע־קומען וועט ארץ-ישראל פערוואנדעלט ווערען אין א הויפט-איינפאל-ארט פאר דייטשע סחורות, וועלכע ווערען אבגעווארפען דורך די יודען אויף דער גאנצער וועלט.

בערלין, 31 (יט"א). דאס דייטשע אגראר-מי־ניסטעריום האט אויף אנ'אנפראגע פון דער יודי־שער טעלעגראפען-אגענטור געענטפערט, אז דאס מיניסטעריום פיהרט נישט די פערהאנדלונגען מכח דעם קאמפענסאציע האנדעלס-אבמאך צווי־שען דייטשלאנד און ארץ-ישראל. דאס מיניסטע־ריום האט בעפולמעכטיגט דעם „לאנד-האנדעלס בונד" צו פיהרען די פערהאנדלונגען אין דער אנ־געלעגענהייט פון רעגירונגס - פארשטעהער.

דער שעף פון פרוכטען - אבטיילונג ביים „לאנדהאנדעלס בונד" ערקלערט, האס דער יעצ־טיגער אבמאך איז א רעזולטאט פון פערהאנדלונ־גען, וועלכע זענען אין משך פון די לעצטע 3 יאהר געפיהרט געווארען מיט פערשידענע ארץ-ישראל־קאאפעראטיווען.

אין דער איצטיגער מעלדונג ווערט שוין אלזא נישט דערמאהנט, אז די פערהאנדלונגען זאלען גע־פיהרט ווערען מיט פארשטעהער פון דער א"י־רעגירונג, נאר מיט די א"י-קאאפעראטיווען.

פון אנדערע קוועלען ווערט מיטגעטיילט, אז דער אבמאך איז נאך ביז-איצט נישט אונטערגע־שריבען און קיין א"י וועט אבפאהרען א דייטשע דעלעגאציע, כדי צו אויסצוזוכען די לאגע אויפ'ן ארט.

געעפענט די דריטע סעסיע פון ראט פון דער יוד. אגענץ

פראג, 31 (יט"א). היינט 10 פריה איז גע־עפענט געווארען די דריטע אָרדענטליכע סעסיע פון ראט פון דער יודישער אגענץ.

דעם פארזיץ פיהרט פראפ. הערבערט שפייער (בעלגיען). עפענענדיג די ערשטע זיצונג, האט פראפ. שפייער אויסגעדריקט די בעדויערונג, וואס דער פרעזידענט פון אגענץ-ראט, ר' אביעזר גאלד־סמיד, האט נישט געקענט קומען צו די אגענץ־פערזאמלונגען.

דער פרעזידענט פון ענגלישען ועד-הקהלות, נעוויל לאסקי, האט אין זיין רעדע ערקלערט, אז עס איז שווער צו פיהרען די זיצונגען פון דער אגענץ איידער דער ציוניסטישער קאנגרעס האט נאך פערענדיגט זיינע בעראטונגען. דער רעדנער האט אויסגעדריקט דעם וואונש, אז להבא זאלען דער קאנגרעס און אגענץ-ראט איינגעארדענט ווע־רען אזוי, אז עס זאל בלייבען גענוג צייט צווישען ביידע פערזאמלונגען.

די גרויסע פאלקס-אבשטימונג וועגען ענין-סטאווסקי
ווערט ווייטער פארגעזעצט
עס קומען שוין אן מאסען ענטפערס אויף דער פראגע:
צי האבען סטאווסקי-ראזענבלאט ערמארדעט ארלאזאראוו'ן?
ענטפערט יא אדער ניין!

יודישע קהלה=פערוואלטונג פראטעסטירט געגען ציוניסטישען אבמאך מיט דייטשלאנד

אונטער'ן פארזיץ פון פרעזעס מאזאור איז געווען פארגעקומען א דרינגענדע זיצונג פון דער קהלה=פערוואלטונג.

פרעזעס מאזאור רעפערירט וועגען דער מתנה פון סטאג'יסלאוו רייכמאנער.

ראזאר פינקעלשטיין אינטערפעלירט די קהלה-פערוואלטונג וועגען דער קאלאניע אין מעשעכאמאשינעס. עס געהען ארום קלאנגען, אז די קראנקע זענען געבליבען 24 2 שעה. אויפ'ן וועג האבען זיי זיך געמוזט עטליכע מאל איבערזעצען. די פרשטעטע מעג האבען די קראנקע גענומען און א מייל האבען נישט בעקומען קיין פאראציע. ער פאדערט דעריבער עס זאל אויסגעקליבען ווערען אן'אויספארשונגס-קאמיסיע.

ראזאר שפיקגלאס גיט אויפקלערונגען וועגען דער קאלאניע אין מעשעכאמשינעס.

עס ווערט בעשלאסען ארויסצושיקען קיין מעשעכאמשינעס אן'עקספעקטאר פון פרעזעס, ראטמאנען און פרעזעס-פארשטעהער.

ראזאר לעא פינקעלשטיין מאכט דאן אריין א דרינגענדען פארשלאג, וועגען דעם אבמאך, וואס די ציוניסטען האבען געשלאסען מיט דער היטלער-רעגירונג. ראזאר פינקעלשטיין האלט, אז עס איז אומווירדיג מיט דער הייגער בלוט-רעגירונג זיך דאריינצולאזען אין א שאכער-מאכער. ער לעגט דעריבער פאר, אז די קהלה זאל איבערשיקען א שארפען פראטעסט קיין פראג געגען יע-דען אבמאך מיט די היטלער-באנדיטען.

די ראזאורעס דינער און הימעלפארב זענען געגען דעם, אז די קהלה זאל זיך פערנעהמען מיט פאליטיק. מיט א מעהרהייט שטימען ווערט בע-שלאסען איבערצושיקען קיין פראג א שארפען פראטעסט-דעפעשע.

די דעפעשע איז גלייך איבערגעשיקט געווא-רען.

עקספארט=מעגליכקייטען פון פוילען קיין א"י

די פויליש-פאלעסטינישע האנדעלס-קאמער טיילט מיט, אז אינ'ם ארדען פון דער קאמער זענען אנגעקומען פאלגענדע אפערטעס:

א פירמע אין א"י זוכט ליפעראנטען פון טעקסטיל מאטעריאל, קען מען זעהען אין דער קא-מער.

אנ'א"י-פירמע וויל אימפארטירען א גרעסע-רען קוואנטום געזונט-שמאלץ.

א א"י-פירמע, וואס האט אנ'אבטיילונג אין באגדאד, זוכט פערטרעטונגען פון אלע פוילישע ארטיקלען. נעהנערע אינפארמאציעס צו בעקומען ביים האנדעלס-רעפעראט פון דער פויליש-פא-לעסטינער האנדעלס-קאמער. פרעטה, נאם 10.

פער'משפט צום טויט פאר בעגראבען דעם קרבן לעבעדיגערהייד

פאר'ן שטאנד-געריכט אין ווילנא איז גע-שטאנען דער 20-יעהריגער יוליאן קוקעל, וועלכער האט צוזאמען מיט נאך 2 מענשען פערנארט אין א סמאראגלע דעם פויער פארוויצקי און איהם ערמארדעט מיט'ן צוועק צו בערויבען.

ווען פארוויצקי האט נאך געלעבט, האט מען איהם אריינגעלעגט אין א גרוב און בעגראבען. פארהער האט דער מערדער אלאמירט דאס האוס, אז באנדיטען זענען איהם בעפאלען, ווען ער איז געשלאסען מיט פארוויצקי'ן אין איין סמאראגלע און זיי האבען פארוויצקי'ן ערמאר-דעט.

דאס געריכט האט דעם מערדער פערמשפט צום טויט דורך הענגען.

די קויל פון זעלבסטמערדער איז ארויס דורך דער פלייצע און פערוואונדעט א פרעמדע פרוי

פון פויזען מעלדעט מען אהער וועגען א סענ-סאציאנעלען זעלבסטמארד.

מיט עטליכע טעג צוריק איז אהין געקומען צופאהרען פון ביאליסטאק דער איינציגער אלעק-סאנדער טריימיסין. מיט'ן צוועק צו בעגעהן זעלבסט-מארד האט ער ארויסגעכאפט א רעוואלווער און זיך אריינגעשאסען א קויל.

די קויל האט דורכגעשאסען דעם ברוסט-קאסטען און איז ארויס דורך דער פלייצע. אזוי ווי נעבען איהם איז גראד פארביי געגאנגען דאס דינסט-מיידעל שידלאווסקא, האט די קויל איהר געטראפען אין פיס.

ביידע האט מען אבגעפיהרט אין שפיטאל.

פאליטישע קאמיסיע בעהאנדעלט די פראגע פון יודישען וועלט-קאנגרעס

פראג 30 היינט רעבאטירט די פאליטישע קאמיסיע די פראגע פון יודישען וועלט-קאנגרעס. די קאמיסיע דארף בעשליסען די בעציהונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע צום פראיעק-טירטען קאנגרעס, וואס זיין פארקאנפערענץ איז בעשטימט אוי'ף דעם 25-טען סעפטעמבער אין זשענעווע. אהרום די פערשידענע פונקטען ווערט געפיהרט א האפטער קאמף, אין וועלכען עס שפילט די הויפט-ראל די פראגע, אז דער וועלט-קאנגרעס זאל נישט איינגריפען אין די קאמפע-טענצען פון ציוניסטישען קאנגרעס.

פערברענט 1000 דאלאר אין אנ'אויווען...

אין שטעדטעל בוסקאווטש האט פאסירט אזא געשיכטע:

דע הארטיגער איינוואוינער נ. האט פער-קויפט א הויז פאר 1000 דאלאר. כדי צו זיין זיכער, אז מען וועט ביי איהם דאס געלד נישט ארויסגנב'ענען, האט ער די דאלארען פערשטעקט אין אן אויווען.

עהרגעכטען איז אין שטעדטעל געווען אזא קעלט, אז מאנכע איינוואוינער האבען איינגע-הייצט די אויווענס. אויך די פאמיליע נ. האט איינגעהייצט דעם אויווען און — פון די טויזענד דאלאר איז געבליבען א בישעל אש.

דער קאנגרעס זאל דויערען ביז מאנטאג קומענדע וואך

פראג 30 (יט"א) צוליב דעם, וואס דער קאנגרעס האט נאך צו ערלעדיגען פיל ארבייטען רעכנט מען, אז ער זאל זיך שליסען ערשט קו-מענדען זונטאג אדער מאנטאג.

פארשלאג פון דעפ. גרינבוים וועגען געבען פאסיווען קאנ-גרעס=וואהל-רעכט בלויז העברעאיש-קענער

פראג 30 (יט"א). אויף דער הייטיגער אוונט-זיצונג פון קאנגרעס האט דעפ. גרינבוים אריינ-געטראגען א פארשלאג, אונטערגעשריבען דורך 777 דעלעגאטען וועגען ענדערען די סטאטוטען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין דעם זין, אז אלס דעלעגאט צום קאנגרעס זאל קאנען געוועהלט ווערען בלויז אזא ציוניסט, וואס רעדט העברעאיש.

דעפ. גרינבוים האט בעגרינדעט זיין פאר-שלאג און זיך בערופען אויפ'ן מוסטער פון א רייה פארלאמענטען, אין וועלכע עס ווערט, לויט דער וואהל-ארדינאציע, געפאדערט פון די דעפוטא-טען די קענטעניש פון דער הערשענדער לאנדעס-שפראך.

בעת דעפ. גרינבוים בעגריכטעט זיין פארשלאג, הערען זיך עטליכע שטימען: „יודיש“.

דער פארשלאג איז איבערגעשיקט געווארען בעטראכט צו ווערען אין דער ארגאניזאציאנעלער קאמיסיע.

א מוטער ערמארדעט איהר אייגען קינד

אין דארף מאביץ האט די 20-יעהריגע העלע-נא אניאל געבוירען אנ'אומבעזעצליך קינד.

מיטאמאל האבען די שכנים זיך ארומגעזעהן, אז דאס קינד איז פערשוואונדען. ווען מען האט וועגען דעם געפרעגט דער מוטער, האט זי גע-ענטפערט, אז זי האט דאס קינד אריינגעטראגען אין אנ'ערציהונגס-אנשטאלט.

די זאך איז אבער ארויסגעקומען פערדעכ-טיג און די פאליציי האט ארויסגעשיקט א שפירר-הונד. אין א שעה ארום האט דער הונד צוגעפיהרט צו אנ'ארט, וואו ער האט שטארק געבילט. ווען מען האט אויסגעגראבען א גרוב האט מען דארט געפונען ליגען דאס קינד, אבער שוין אין א פער-פוילטען צושטאנד.

די מערדערין פון איהר אייגען קינד איז ארעסטירט.

פארד געגען רוזוועלטס ארבייטס=קאדעקס

ניו-יארק (פאט) פרעזידענט רוזוועלט האט געפאדערט פון גענעראל דזשאנסאן, אז ער זאל איהם איבערגעבען א בעריכט, פארוואס פארד האט זיך אבגעזאגט איינצופיהרען דעם ארבייטס-קאדעקס אויף זיינע פאבריקען.

קאמינסקיס טעאטער
אבאזשנע 1—3, טעל. 748-07
אנט. אידא קאמינסקא

היינט 9 אוונט פאלקס-פארשטעלונג פון 30 גראשען אן

אירווינג דזשייקאבסאן און מעי שיינפעלד

אי זייער גרייסען שלאגער

אוי אמעריקא

בילעטען אין באר „צענטראל“ לעשנא 2 און אין טעאטער-קאסע

טעאטער
צענטראל
דזיקא 9-11

היינט פאפולערע פארשטעלונג פון 49 גר.

מנחם רובין אין דער פארשט. מאן מענש און פאטער

סקאלא
דזשעלנא 1
טעל. 11-99-97

לעצטע טעג! היינט 9.15 פאפולערע פארשטעלונג פרייזען פון 49 גר.
דער סקויפט פריהער א בילעט בעקומט א בעסערען פלאץ

ר. שושנה, מאריס לאמפע, אלעקס שטיין

דער אורטייל

שבת 7.15 ספעציעלע הנחה-פארשט. צו די ביליגסטע פרייזן זונטאג 4.50 נ"מ
נאר 1 מאל גרויסע מאסען פארשטעלונג ביליגסטע בילעטען אין קאסע פון טעאטער

פעראיין פון יוד. ליטעראטען און זשורנאליסטען
ווארשא טלאמאצקע 13

דינסטאג דעם 5-טען סעפטעמבער, 9 אוונט קומט פאר
אין זאל פון ווארשאווער שטאדט=ראט

א גרויסער עפענטליכער משפט
איבער פאלשע משיחים ביי יודען

צי זענען טאקע שבתי צבי און יעקב פראנק געווען משיחי-השקר?

אונטער'ן פארזיץ פון פראפ. ד"ר מאיר באלאבאן
הויפט-בעשולדיגער: רעד. ש. י. סטופניצקי.
הויפט-פערטיידיגער לעא פינקעלשטיין

אלס עקספערטען וועלען ארויסטרעטען: הלל צייטלין, ד. ב. מאלקין, פראפ. עדמונד שטיין, ד"ר יצחק שיפער און אהרן צייטלין.

עס וועט אויך ארויסטרעטען א פארשטייער פון דער ארטאדאקסיע.

עס האבען זיך שוין פערשריבען פיל עדות פון פובליקום.

הויפט-טעזיסען פון די געריכטס-פערהאנד-לונגען:

פאליטישע קאטאסטראפעס און משיחישע האפענונגען. — ווען א פאלק ברעכט זיך אין צער. — פאלשע און פערפיהרטע משיחים. — שבתי צבי און ברוך שפינאזא. — מיסטיק און עראטיק — שבתי און שרה — יעקב פראנק און ר' ישראל בעש"ט. — אוזא. משה און יאזעף דער צווייטער. — אויבער-מענש און סעקסועלער שטען. — מאסען-אויפטרייסלונג און מאסען-אנטוישונג. — ווען א פאלק בלאנדזשעט...

בילעטען אויף שרם האיוגען אינטערע-סאנטען משפט שוין צו בעקומען אין קאסע פון פעראיין, וועלכע איז אפען טעגליך פון 10 פריה ביז 11 אוונט.

דיין תורות חופה וקידושין
נעהמט אן דער מורה הוראה הרב
שלום וואכמאן, קופיעצקא 16

ד"ר מעד. א. עלסאן
אנאליזען:
זעהר גענויע פון אורין, בלוט, פלעגמע שטול, מאגען-זאפט, אויספלוס און אנדערע
נידריגע פרייזען
לעשנא 6 טעל. 11-08-83

D-r Józef Kornberg
ווענערישע מענער-שוועכע
הויט- און האר-קראנקהייטען, קינדער לאזיגקייט. אנאליזען פון בלוט, טריפער און זרע. קווארץ-לאמפ
גרינדליכע היילונג פון נישט ריינע געזיכטער
סענאטארסקא 24, ביי ביעלאנסקא
עצות פאר חתן-כלה.
טעלעפאן 239-97
נעהמט אן ביז 10 פריה און פון 4—9 אוונט
אוויזט 4 זל.

ווארשאווער יודען און ציגערייזטע! פארזיכטיג ביים קויפען ווארשט און געריכערטע פליישען אזהרה המורה מאת ועד הרבנים

דער ווארשאווער ראבינאט אין דערמיט מזהיר ומודיע, אז די ווארשט פאב-ריק פון פירמא ווערטהיים טווארדא 12, ווארשט-געוועלבער: זאטארסקי, שעננא 30, ריטנער, כמיעלנא 41, ווי אויך די ווארשט-פאבריק פון דוד ווינאגראד טווארדא 13, ווארשט-געוועלבער ווינאגראד טווארדא 12, נאלעווקי 10, זאמענהאפא 27, האבען נישט די השגחה על הכשרות של הביד"צ, און מען טאר דעריבער אין די אויבענדער-מאנטע ערטער נישט קויפען קיין שום ווארשט און גערויכערטע פליישען פאר בשר.
ד' תבא ח' אלול תרצ"ג ועד הרבנים לעדת ווארשא

גיכע מעדיצינישע הילף
אנאנצען מעת לעת אויך
איב ערפיהרען קראנקע

פיי דער לעטשניצע
„לינת הצדק השלישית“
פאוויא 24, טעל. 111-444

אכטונג בעקער=מייסטער

פערוואלטונג פון יודישען בעקער=מייסטער-צעך אין ווארשא פאדערט שטרענג אויף אלע בעקער-מייסטער פון ווארשא און פארשטעדט

1) נישט צו באקען אום שבת

2) זונטאג טאר דאס געבעקס נישט פאנאנדערגעשיקט ווערען דורך: פארגאנעס, בריטשקעס, האנדוועגעלעך

בעמערקונג: דאס אויספיהרען פון די אויבענדערמאנטע פונקטען ליגט אין אייערע אייגענע לעבענס-אינטערעסען.

ג. פראנשטעטער, עהרען-פרעזעס, מ. ווילנער, סטארשע פון צעך
פ. כארמאן, פאר-סטארשע, ד. בליימאן פאר-סטארשע, ה. שטיין.

צו דער חתונה פון אונזער בעסטען חבר
פנחס פעלד
מיט פרל. אידא באנער
ווינשען א גליקליך-צוזאמענלעבען
מאיר נודעל און ראובן פיכוליק.

א הארציגען מזל טוב
אונזער פריינד ה' יהושע שמולעוויטש פון אנטווערפען
צו דער חתונה
פון זיין טאכטער שרה ברײנדעל
מיט ה' יהודה לייב קימעלמאן
אדמיניסטראציע „אונזער עקספרעס“

מיט גרויס צער און וועהטאג זענען מיר מודיע, וועגען דעם טויט פון אונזער הייס געליבט טעכטעריל און שוועסטעריל

ברײנדעלע בת משה נ"י שידלאווסקא

(רעמבערטאוו), וועלכע איז פון אונז אוועק געריסען געווארען נאך א קורצער קראנקהייט אין בליהענדען עלטער פון 7 יאהר דעם 24/8 און צומארגענ'ס צו קבורה געקומען אויף דעם גענשער בית-עלמין

זאל איהר די ערד גרינג זיין.

וועגען וואס עס מעלדען די אין טיפען טרויער פערבליבענע

עלטערן, ברידער און פאמיליע.

הילף פאַר דעם אָרימען יודישען מיטעלשטאַנד אין ארץ-ישראל

(ספּעצ. געשפּרעך פאַר „אונזער עקספּרעס" מיט'ן פאָרזיצער פון דער יוד. קהלה אין תל-אביב ה' דניאל סירקיס)

פון י. בן-יצחק

אויף די „מזרחי"-בענק פונ'ם קאָנגרעס זיצט א יוד מיט א טיפּיש-יודישען הדרת-פּנים, וואָס האָט אויף זיך געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט. נישט מיט זיין רעדען, פּאָליטיקירען אדער לכל-הפחות טומלען, ווי די וועגווייזער-„אנזעהבארע" חעלעמאַטען, וואָס ווילען כאָטש אזוי ארום?, דורך א טומעל, „זעהבאַר" ווערען אויפ'ן קאָנגרעס... דער „מזרחי"-דעלעגאַט „נעהמט" מיך מיט דעם היפוך פון דעם אלעמען: מיט זיין כסדר'דיגען שטיל-שווייגען, מיט זיין האַלטען אין איין זיצען רוהיג און ערנסט, ווי פערטיפט אין ערנסטע און זאַכליכע העיונות.

איך פרעג וועגען איהם און ווער געוואויר, אז דאָס איז דער פאָרזיצער פון דער יודישער קהלה אין תל-אביב, ה' דניאל סירקיס, און אז נישט צופעליג זיצט ער אזוי ערנסט און פערטראַכט. אט אזוי איז ער שוין: תמיד אנ'ערנסטער און אין זיין ערנסטקייט — זאַכליך.

אין איינער פון די קאָנגרעס-הפסקות פערפיהר איך א געשפּרעך מיט איהם, ווי אויף אונזערע בעדינגונגען, מערקווירדיגען און אייגענאַרטיגען יודישען כלל-טוער. דאָס געשפּרעך געהט טאַקע וועגען דער יודישער קהלה אין תל-אביב, בראש פון וועלכער ה' סירקיס שטעהט זייט זעקס מאָנאַטען און וועלכער ער ווידמעט זיינע אלע כחות, פעהיגקייטען און... ערנסטע זאַכליכקייט.

— פערשטעהט זיך, — זאָגט ה' סירקיס — אז איך וועל נישט ספּעציעל רעדען בלויז וועגען די לעצטע זעקס חדשים פון מיין קאַדענץ, נאָר אויך פון פריהער, ווייל הגם איך בין פריהער נישט געווען דער פאָרזיצער האָב איך אָבער גענומען א זעהר לעבהאַפטען אנטייל אין דער ארבייט פון דער קהלה.

די ארבייטס-טעטיגקייט פון דער קהלה אין אונזער ערשטער יודישער שטאָדט איז א שטאַרק פערצווייגטע און פערשיעדענאַרטיגע און נעהמט ארום חוץ רעליגיעזע ענינים אויך ענינים פון סאָציאַלער הילף, ערציהונגס-ענינים אויך פון יפו און נישט בלויז פון תל-אביב, עליה-ענינים, בירגערשאַפטס-ענינים א. אז. וו. אָבער בעיקר וועט איך זיך אינטערעסירען אונזער ארבייט, וואָס ציעלט צו הילף צו קומען די יודען, וואָס קומען קיין תל-אביב זיך איינצואָרדנען. בפרט דעם אָרימען מיטעלשטאַנד, מיט וועלכען קיינער אינטערעסירט זיך נישט אָדער די אינטערעסירונג איז אזא קליינע, אז שוין דערפאַר אליין קאַן זי נישט ברענגען קיין שום ממשות'דיגע פאָלגען.

אויף דעם ארבייטס-געביט אונטערנעהמען לייסטעט פיל די „באַנק קאָנסטרוקטיבי", וואָס עקזיסטירט ביי דער קהלה און ענטוויקעלט זיך זעהר שען. מיר זענען שוין צוהילף געקומען הונדערטער משפּחות, פון דעם נידעריגערען מיטעלשטאַנד, וואָס ווען נישט אונזער הילף, וואָלטען זיי זיך נישט געקענט איינאָרדנען אין לאַנד. דער מיטעלשטאַנד איז ביז אהער געווען אינגאַנצען א פערלאָזענער און פערייתומ'טער. די ארבייטער, למשל, ווען זיי קומען אין לאַנד, האָבען זיי אנ'אַדרעס וואוהין זיך צו ווענדען, וואו מען אינטערעסירט זיך מיט זיי ממשות'דיג. אט דעם אדרעס פאַר דעם אָרימען מיטעלשטאַנד האָבען מיר זיך אונטערגענומען צו שאַפען און דאָס איז אונז, שוין אין א גאַנץ קענטיגער מאָס, געלונגען ביז איצט.

אָבער מען מאַך זיך בשום אופן נישט בעגנוגענען מיט דער ביז-איצטיגער אָבגעטהוענער ארבייט אויף דעם געביט און בפרט מיט דעם ביז-איצטיגען טעטיגקייטס-פערנעם פון „באַנק קאָנסטרוקטיבי". אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם נייעם מצב פונ'ם יודישען פאָלק, אין רעזולטאַט פון וועלכען די אויגען פון די ברייטסטע שיכטען פון אונזער בעפעלקערונג זענען געווענדעט צו אונזער לאַנד — מוז בעדייטענד פערברייטערט און פערשטאַרקט ווערען דער הילפס-אַפּאַראַט פאַר דעם אָרימערען מיטעלשטאַנד, וועלכער הויבט אָן צו שטראָמען אין זייער הונדערטער און טויזענדער קיין א"י און וועלכער — ווי די פּראַקטיק האָט דאָס שוין ביז איצט בעוויזען — קען פערוואַנדעלט ווערען אין א פּראָדוקטיווען און ביז גאָר ניצליכען עלעמענט פון לאַנד. אט די גרויסע ארבייט, וואָס ערוואַרט אונז אין דער נאָהענטער צוקונפט, פאָדערט בעדייטענד איבער אונזערע כוחות און מעגליכקייטען. דאָס איז א פאָלקס-ארבייט, צו וועלכער עס דאַרפען צוגעצויגען ווערען אלע דירעקט-פּער-אינטערעסירטע גרעסערע יודישע קהלות אויף גאָר דער וועלט. דאָס וואָלטען מיר טאַקע פערלאַנגען פון אלע קהלות אין דער וועלט!

איך שטעל זיך דאָס קאָנקרעט פאָר בזה האופן: אלע גרויסע יודישע קהלות שיקען רעגולערע יעהרליכע סומען קיין תל-אביב צו דער יודישער קהלה, וועלכע וועט בעדייטענד פערברייטערען איהר הילפס-טעטיגקייט לטובת דעם פער-אָרימטען מיטעלשטאַנד, וועלכער שטעלט היינט-צו-טאָג מיט זיך פאָר דעם רוב בנין ומנין פון יודישען פאָלק. אין שפּיץ פון אט דער ארבייט וועט שטעהן א נייטראַלע קאָמיסיע. כדי אָבער צו פערשטאַרקען די פּער-אינטערעסירונג פון די יודישע קהלות אין גלות מיט דער ארבייט און בעריקזיכטיגען דעם לאָקאַל-פּאַטריאָטיזם זייערען וואָלטען מיר יעדער קהלה ערלויבען ארויסצוגעבען א געוויסע צאָהל בריף וועגען הילף פאַר בן-איתר-ארויסגעוואַנדערטע יודען קיין ארץ-ישראל, וועלכע וועלען קודם-כל און פריהער פאַר אנדערע בעריקזיכטיגט ווערען. יעדע קהלה וועט קענען ארויסגעבען די צאָהל בריף אויף וועלכען זי האָט זיך פערדינט געמאַכט לויט דער שטיצע און הילף פאַר אט דער ארבייט און איהר הויפּט-אינסטרומענט דעם „באַנק קאָנסטרוקטיבי".

ה' סירקיס דערצעהלט אונז וועגען די געשפּרעכען, וואָס ער האָט אָבגעהאַלטען מכוח דעם מיט די פאָרשטעהער פון דער יודישער קהלה אין וואַרשא. מען האָט מצד דער קהלה אין וואַרשא ארויסגעוויזען גרויס פעראינטערעסירונג פאַר זיין פאָרשלאַג און לויט די בריף, וואָס ער האָט בעקומען, וועט מען זיך אינגיכען נעהמען דאָס צו רעאַליזירען. דאָס יודישע וואַרשא וועט אזוי-ארום פערנעהמען דעם איהר פּאַסיגען אָרט אין דער גרויסער אקציע לטובת דעם אָרימען יודישען מיטעלשטאַנד.

נאָך אט די אינטערעסאַנטע פּרטים וועגען דעם זאַכליכען פּלאַן דערצעהלט מיר ה' סירקיס פערשידענע „קליינינקייטען" פון דער קהלה אין דער ערשטער יודישער שטאָדט אויף דער וועלט.

אלזא: די קהלה צעהלט 70 טויזענד יודען און נעהמט ארום אויך די יודען אין יפו, וועלכע האָבען נישט קיין אייגענע קהלה. דער בודזשעט פון דער קהלה האָט ביז איצט בעטראָפען איינינע צוואַנציג טויזענד פונט, אָבער הייאָהר וועט ער פערגרעסערט ווערען ביז דרייסיג טויזענד פונט. טאָן די לעצטע וואַהלען צו דער קהלה, וועלכע זענען שוין פאָרגעקומען לויט די נייע תקנות פון ועד הלאומי, וועלכע זענען בעשטעטיגט געוואָרען דורך דער רעגירונג, איז דער ענין פון מאַס א פערפּליכטענדער און קען אויפגעמאַנט ווערען מיט צוואַנגס-מיטלען.

און אָט נאָך א „קליינינקייט", וואָס וועט אָבער אין אונזערע אויערן קלינגען העכסט-אומגלויבליך: אין דער קהלה זענען פארטראַטען אלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג: אלזא, אגודיסטען, מזרחיסטען, אלגעמיינע ציוניסטען, ספרדים, תימנער א. א. וו. (מיט'ן אויסנאַהם פון די ארבייטער, וועלכע געהערען פּרינציפּיעל נישט צו דער קהלה) און דאָך קומען נישט פאָר קיין שום רייבונגען און דיסענסיען אין די ארבייט ווערט געפיהרט ביי א פולשטענדיגער און איינהייטליכער האַרמאָניע. אין דעם זין קען שוין חאָטש קליינע תל-אביב דינען אלס ביישפּיל פאַר פיל גרעסערע יודישע קהלות און צווישען זיי פאַר דער וואַרשאווער קהלה.

צי וועט זיך אָבער די וואַרשאַווער קהלה אראָבנעהמען א ביישפּיל פון איהר יונגער שוועסטער אין תל-אביב?!

דער קאָנגרעס מיט די גרויסע הפסקות

[פון אונזער ספּעציעלען שליח]

י. וואל.

ווען עס וואָלט אראנזשירט געוואָרען א קאָנקורס אויף א נאָמען פאַר דעם היינטיגען אכצעהנטען ציוניסטישען קאָנגרעס; א נאָמען, וואָס זאָל איהם כאַראַקטעריזירען און אָבשפּיגלען טאָן וואָלט איך פרעטענדירט אויפ'ן ערשטען פּריז פון דעם קאָנקורס מיט מיין נאָמען: דער קאָנגרעס מיט די גרויסע הפסקות.

איך בין נישט קיין אַלטער קאָנגרעס-פאָהרער, אָבער ווי עס פערזיכערען מיך די אַלטע קאָנגרעס-פאָהרער איז נאָך ביז היינט נישט געווען קיין קאָנגרעס, וואָס זאָל שלאָגען אזא רעקאָרד מיט די הפסקות, וואָס מיילמאָל דויערען זיי א מעת-לעת און מעהר. מען קען גאַנץ דרייסט זאָגען, אז די הפסקות עסען-אויף די גאַנצע צייט, און עס איז דעריבער קיין שום וואונדער נישט, וואָס טראָץ דעם, וואָס מיר געפינען זיך שוין איבער א וואָך נאָך דער עפענונג, און דער קאָנגרעס האָט אייגענטליך שוין געדאַרפט שטעהן ביי נעילה, געפינען מיר זיך נאָך אונטער'ן רושם פון „בראשית", גלייך ווי ער וואָלט זיך ערשט היינט געעפענט.

די הפסקות קומען הויפּטזעכליך פון דער שווערער לאַגע אין וועלכער עס געפינט זיך דער קאָנגרעס צוליב דער אייגענאַרטיגער, פערשאַרפטער אטמאָספערע, וואָס הערשט אויף איהם און... — ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען! — אפשר זענען די הפסקות אויך דער איינציגער אויסוועג פון נאָך גרעסערע פערשאַרפונגען און א רעטונג פון „באָמבעס", וואָס הענגען אין דער לופטען.

ביי יעדען שאַרפערען אינצידענט, וואָס קומט פאָר אָדער ווען עס לויערט א סכנה, אז ער וועט פאָרקומען — ווערט געמאַכט א הפסקה פונ'ם קאָנגרעס. מיט דעם מעטאָד בענוצט זיך דער פּקחות-פולער און ביז גאָר פאָרזיכטיגער פאָרזיצער פונ'ם קאָנגרעס, ה' לעאָ מאָצקין, און דאַכט זיך, אז מיט דעם תנאי איז ער איינגעגאַנגען אנצונעהמען דעם אויסוואַהל אלס קאָנגרעס-פאָרזיצער טראָץ דער געגנערשאַפט פון צוויי גרויסע פראַקציעס אינ'ם קאָנגרעס: די רעוויזיאָניסטען און דעם „מזרחי". געדענקען מוז מען דערביי, אז אט דער טראַדיציאָנעלער פאָרזיצער פון די ציוניסטישע קאָנגרעסען האָט שוין געהאַט א טראַדיציע אויסגעוועהלט צו ווערען אויף דעם פּערמאַנענטליכען אַמט איינשטימיג און דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון די ציוניסטישע קאָנגרעסען אונטער מאָצקינ'ס פאָרזיץ, וואָס די טראַדיציע איז געבראָכען געוואָרען.

אזא גרעסערע הפסקה איז געמאַכט געוואָרען דעם פערגאַנגענעם מוצאי-שבת צוליב דער נייער דעקלאַראַציע, וואָס די ארבייטער-פיהרער האָבען געוואָלט פאָרלייענען אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן נייעם מאַטעריאַל וועגען דעם ארלאָזאָראָוו-מאָרד און אין וועלכער זיי האָבען געפאָדערט צו דערווייטערען די רעוויזיאָניסטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אלס אנגעשולדיגטע און מיטשולדיגע אינ'ם ארלאָזאָראָוו-מאָרד.

דער זאַל איז עלעקטריזירט געוואָרען און די שפּאַנונג איז דערגאַנגען צו דער העכסטער שטופע. דער איבערפולטער זאַל פונ'ם קאָנגרעס, טראָץ דער שפּעטער שעה האָט געשטעקט מיט פּובליקום, אלע מינוט האָבען קורסירט פערשידענע קלאַנגען, דער קאָנגרעס-פּרעזידיום האָט זיך לאַנג בעראַטען, ביז מאָצקין האָט צום סוף געמאָלדען, ווי עס איז אויך בעקאַנט פון די טעלעגראַמען, אז דאָס לעזען פון דער דעקלאַראַציע ווערט דערווייל אָבגעלעגט.

מען האָט מיט שפּאַנונג, אלזא, געוואַרט אויף דער פאָרמיטאָג-זיצונג פון זונטאָג, וואו עס דאַרף שוין שרעקליך צו פּלאַצען די באָמבע. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אז „דער באַרג האָט געבוירען א מויז"... און אויסגעלאָזט האָט זיך עס נישט זונטאָג נאָר ערשט צומאָרגענס, מאָנטאָג, און דער גאַנצער זונטאָג-טאָג איז אריבער מיט א הפסקה, וואָס איז געווען פול שפּאַנונג און פּליאָטקעס.

אָבער אויב דער קאָנגרעס איז טאַקע אין משך פון זונטאָגדיגען טאָג נישט פאָרגעקומען איז אָבער אין דעם טאָג געפיהרט געוואָרען א לעבהאַפטע הינטער-קוליסען-טעטיגקייט און עס זענען ממש אויף איין פוס איינגעאָרדנעט געוואָרען „קאָנספּיראַטיווע דרוקערייען", וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין ארויסגעבען פערשידענע קאָמוניקאַטען און עקסטרא-טעלעגראַמעס אין פאָרם פון ביולעטינען. אט דער ביולעטינען-קאַמף איז פאָרגעקומען צווישען די רעוויזיאָניסטען און ארבייטער וועגען די קלאַנגען און ידיעות מכוח דעם נייעם בעשולדיגונגס-מאַטעריאַל. וואָס איין צד שרייבט — לייקענט דער צווייטער צד גלייך אָב און אזוי אויך פערקעהרט. מיטוטען-ווייז האָט שוין אנגענומען א גראָטעסק-אויסזעהען און עס וואָלט ארויסגערופען א געלעכטער ווען... דאָס וואָלט נישט געווען אזוי טרויעריג.

וועגען דעם עצם-אויסשפּיל האָבען ארומגעקרייזט פערשידענע קלאַנגען. טייל האָבען פערזיכערט, אז מיט דעם ענדיגט זיך שוין דער קאַמף. ווייל די רעוויזיאָניסטען ווערען בעזייטיגט פון דער אָרגאַניזאַציע, אנדערע ווידער פערזיכערט — אז מיט דעם ענדיגט זיך שוין די הגמוניע פון די לינקע ווייל אלע אנדערע וועלען אין דעם פאַל פערלאָזען דעם קאָנגרעס. דאָס זענען, פערשטעהט זיך, די רעאַלסטע, ווייל אויך פערשידענע פאַנטאַסטישע קלאַנגען האָבען נישט געפעהלט.

קלאָר אין אייגענטליך די לאַגע געוואָרען ערשט מאָנטאָג פריה, ווען מאָצקין עפענט צוריק די פּלענאַר-זיצונג פון קאָנגרעס, ווי עס וואָלט גאָר קיין הפסקה נישט געווען. און מען טרעט-צו צום געוועהנליכען סדר-היום פונ'ם קאָנגרעס.

אָבער פערשטעהט זיך, אז אט די „קלאָרקייט" איז צוגעגרייט געוואָרען אין משך פון גאַנצען זונטאָגדיגען טאָג און נאַכט, בעת וועלכען עס האָבען כסדר אָבגעהאַלטען בעראַטונגען דער אקציאָנס-קאָמיטעט און דאָס קאָנגרעס-פּרעזידיום. לויט ווי מען גיט איבער זאָל מאָצקין בשום אופן נישט האָבען מסכים-געווען צו דערלאָזען צו דער נייער דעקלאַראַציע פון די לינקע געגען די רעוויזיאָניסטען און האָט געדראָהט מיט דעמיסיע וויפאַלד מען וועט איהם נישט נאָכגעבען. דאָס וואָלט בעדייט א נייער, נאָך שאַרפער און ערנסטער קריזיס אויפ'ן קאָנגרעס, וואָס ווער ווייסט צו וואָסערע פאָלגען ער וואָלט געקענט ברענגען. אויך פון דעם אקציאָנס-קאָמיטעט האָט מען געקעמפט געגען דעם און ענדליך האָבען די לינקע, נישט וועלענדיג אויפרייסען דעם קאָנגרעס, רעזיגנירט פון דער דעקלאַראַציע, איינגעהענדיג אויף דעם בעשלוס פון אקציאָנס-קאָמיטעט, אז עס וועט געשיקט ווערען א קאָמיסיע קיין ארץ-ישראל אויסצופאָרשען דעם גאַנצען ענין און ערשט דאַן זאָל בעשלאָסען ווערען וועגען דעם גורל פון די רעוויזיאָניסטען אלס מיטגלידער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אָבער — דערווייל איז אויסגעשוואומען א נייע שוועריגקייט, אייגענטליך — די אַלט-נייע שוועריגקייט וועגען דער עקזעקוטיווע און דער קאָנגרעס האָט זיך ווידער גענומען צום אויסגעפּרוּווטען מיטעל פון מאַכען... א הפסקה....

מאָנטאָג האָבען מיר ווידער געהאַט א הפסקה. נאָך מיטאָג איז די פּלענאַר-זיצונג פונ'ם קאָנגרעס נישט פאָרגעקומען. מען האָט, ווער אויפ'ן אָרט און ווער איבער פּראַג, גענומען אונטערהאַנדלען מכוח דעם עקזעקוטיווע-צוזאַמענשטעל.

אָבער דאָס, זעהט איהר, איז א קאָמפּליצירטערע פראַגע און מיט א בלויזער הפסקה קען מען זי נאָך נישט לעזען. וועט דעריבער, מסתמא די הפסקה לאַנג נישט דויערען און דינסטאָג וועט די פּלענאַר-זיצונג פונ'ם קאָנגרעס יאָ פאָרקומען...

* * *

אט די הפסקה-צייט פונ'ם קאָנגרעס האָט בעשלאָסען אויסצונוצען די לייטונג פון דער „פּראַגער מעססע", וואָס ווערט אין קורצען דאָ געעפענט. היינט, מאָנטאָג, האָט זי איינגעאָרדנעט אנ'אויפנאַהמע פאַר די פּרעסע-מענשען אויפ'ן ציוניסטישען קאָנגרעס. אין וועלכער עס האָט אנטייל גענומען דער פּראַגער בירגערמייסטער ק. באַקסא, וועלכער איז דעם יודישען עולם בעקאַנט פון אנ'אַמאָליגען ארויסטריט זיינעם געגען יודען. האָט ער גערעדט — ווי אלע אפיציעלע פאָרשטעהער פון פּראַג — זייער הערציג און נישט געשפּאָרט קיין קאָמפּלימענטען פאַר'ן יודישען פאָלק און בפרט פאַר זיין נאַציאָנאַלער אויפלעבונגס-בעוועגונג. אָבער נישט נאָר קאָמפּלימענטען האָט פאַר אונז צוגעגרייט דער פּראַגער בירגערמייסטער, נאָר טאַקע אויך א פיינעם מיטאָג, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרען אין סטיל פון „כל דכפין ייתי וייכול", ד. ה. יעדער איינער האָט אליין געדאַרפט צוגעהן צו א גרויס געדעקטען טיש און נעהמען פון איהם, וואָס עס ווילט זיך איהם.

האָט זיך דער עולם זשורנאַליסטען מיט טעלערלעך אין האַנט זיך צעלאָזט איבער'ן גרויסען זאַל ווי איבער א מרבע און מען האָט א הנאה געהאַט פון דער הפסקה אויף דעם שווערען און אפשר אויך לאַנגווייליגען קאָנגרעס.

הרב דושינסקי אנגעקומען קיין ארץ-ישראל

ירושלים (יט"א). קיין א"י איז אנגעקומען הרב יוסף צבי דושינסקי פון סלאָוואַקיי, כדי איבערצונעהמען דעם כסא-רבנות פון דער אָרטאָדאָקסישער קהלה אין א"י.

הרב דושינסקי איז אנגעקומען אין דער בעגלייטונג פון הרב בלאַו און איז אין יפו'ער פּאָרט בעגריסט געוואָרען דורך א גרויסען עולם. אין דער אויפנאַהמע האָבען זיך אויך בעטייליגט דעלעגאַציעס פון ירושלים, תל-אביב און אנדערע געגענדען אין א"י. עס זענען ערהאַלטען געוואָרען בעגריסונגס-דעפּעשען פון דייטשלאַנד, אונגאַרן, טשעכיי און סלאָוואַקיי.

פּעהנער
אויף שמחת-תורה
מיט גלעקלעך
וואָס פּוילען האָט נאָך נישט געהאַט.
א פרייד פאַר קינדער, א ציהרונג אין שטוב איז דער פאָהן מיט די 12 פּראַכטפולע בילדער פון יודישען נאַציאָנאַלען שטאָלץ
מוסטערן פאַר אויסלאַנד ווערען ארויסגעשיקט ביז דעם 15 ד. ח.
R. Zymmelman, Warszawa
LESZNO 27 Tel. 11-24-33
Filja: WAJNBERG, ul. S-to Jerska 42
איך נעם אויך אן פערשידענע ליטאָגראַפישע ארבייט
◆ גוט, ביליג און פּינקטליך ◆

די פאליטיק פון דער וואך

די ווייטערדיגע פלענער פון רוזוועלט'ן. – נייע פראבלעמען. – תבואה-קאמבינאציעס. – עפענטליכע ארבייטען אויף 3 און האלב מיליארד. – פלאט און ארמעע.–יאפאנ'ס ווידערשטאנד. – קאמבינאציעס און א מלחמה-אויסזיכט

שוין עטליכע וואכען נאכאנאנד פיהרט רוזוועלט א אנגעשטרענגטען קאמף אויף צו רירען פון ארט די אינדוסטריע אין אמעריקא. מיט א ריי דיקטאטארישע מיטלען פראבירט זיין געהילף דזשאנסאן אויפצוצווינגען די אינדוסטריאליסטען צו הויבען די שכירות און צו קירצען די ארבייטס-וואך. איצט ווערט געפיהרט אזא מין קאמף מיט דעם אויטאמאביל-פאבריקאנט פארד. אויף די וועגען זאל געהויבען ווערען די קאנױנקטור אין לאנד.

רוזוועלט'ס געהילפען מיידען נישט אויס צו זוכען מיטלען אויף צו פערשטארקען דעם עקספארט. אויף דער בעראטונג פאר די ענינים פון תבואה אין לאנדאן האבען די אמעריקאנישע פארשטעהער טעראריזירט איראפא, אז מען זאל בעגרעניצען די פראדוקציע פון תבואה און אנהויבען מעהר צו קויפען אין די פעראייניגטע שטאטען. די דעלעגאטען האבען געדראהט צו פערפליצען מיט ביליגע תבואה די איראפעאישע מערק.

די ערשטע פרובען זענען נישט געלונגען. אין חודש יולי האט זיך די קאנױנקטור געבראכען. דעם 24-טען יולי איז פארגעקומען דער ערשטער בערזע-קראך, איצט קומט שוין דער צווייטער.

רוזוועלט פראבירט אבער ווייטער, ער בעפעהלט, ער רעגולירט דעם קורס פון גאלד און פראבירט ווייטער מיט א רייהע דעקרעטען א טרייבעל צו טהון די אינדוסטריע און פיהרען צו א פערגרעסערטען פערברויך אין לאנד. די אלע פאבריקאנטען, וואס וועלען נישט אויספיהרען זיינע דעקרעטען ווערען בעדראהט מיט בויקאט, מיט שטייערן, שיקאנעס א. א. וו.

רוזוועלט פערשטעהט אבער, אז עס קען איהם נישט געלינגען צו געפינען ארבייט פאר אלע ארבייטסלאזע דורך הויבען די אינדוסטריע און ער האט בעשלאסען זיך א נעהם צו-טהון צום אויספראבירטען מיטעל אויף דער גאנצער וועלט, וועלכער איז שוין געווען אנגעווענדעט אין אלטען בבל און מצרים. עס איז אויסגעארבייט געווארען א פלאן פון עפענטליכע ארבייטען אויף קנאפע 3 און א האלבען מיליארד דאלאר. דער פלאן איז אויסגערעכענט אויף 5 יאהר, אזוי, אז יעדעס יאהר וועט אויסגעגעבען ווערען 700 מיליאן דאלאר.

די רעקאנסטרוקציע-קאמיסיע גלויבט, אז די מיטלען וועלען זיך געפינען שוין אין דעם געוועהנליכען בודזשעט, אז אין דעם ערגסטען פאל וועט מען מוזען אנקומען צו א הלואה, אלע ווייסען, אז אן אינערליכע הלואה וואלט געהאט גרויס ערפאלג, ווייל אין איצטיגען מאמענט אנטלויפען א סך מענשען פון דאלאר און זוכען-אויס גאראנטירטע, פראצענטירטע פאפירען.

אין דער רובריק פון עפענטליכער ארבייט פארנעהמען, פערשטעהט זיך, א גרויס ארט די הוצאות אויף די מיליטערישע בעדערפענישען פון די פעראייניגטע שטאטען. עס זענען פערגרעסערט געווארען די פאזיציעס אויף פונאנדערבויען דעם קריגס-פלאט, עס זענען הורסגעפיהרט געווארען א רייהע ארבייטען פאר דער ארמעע.

אבער די דאזיגע עפענטליכע ארבייטען האבען שוין ארויסגערופען א מהומה ביי יאפאן, וועלכע ווייסט אז, אז אזוי-ארום ווערט געבראכען דער וואשינגטאנער אבמאך, וואו עס זענען פעסטגעשטעלט געווארען די פערהעלטענישען פון אמעריקאנישען, ענגלישען און יאפאנישען פלאט.

די ענגלישע פרעסע דערצעהלט אפילו וועגען א שארפער אולטימאטום-נאטע פון יאפאן צו די פעראייניגטע שטאטען און די לעצטע מאנעוורען פון יאפאנישען פלאט ביי יאקאהאמא בעווייזען, אז יאפאן האט נישט בדעה צו דולדען די ווייטערע בעוואפנונג פון די פעראייניגטע שטאטען.

אין מיטען פון דער נייער אמעריקאנער „יאפאניזירונג", גראד צוליב די עפענטליכע ארבייטען קען אויסברעכען א קאנפליקט, ווייל יאפאן פערשטעהט, אז דער פלאט ווערט נישט געבויט סתם אזוי, נאר צוליב גאנץ קאנקרעטע טעמים: די פעראייניגטע שטאטען ווענדען אלץ שטארקער זייער בליק אויף אזיען און זעהען-צו מיט שרעק, ווי יאפאן נעהמט צו ביזיי די בעסטע ביסענס. די אינטערעסען פון אמעריקא אין מאנדזשוריען זענען שוין פערשפילט. אלע פראמעסטען האבען נישט געהאט קיין ממשות, ווייל די פעראייניגטע שטאטען האבען איצט א שוואכערען פלאט פון יאפאן.

רוזוועלט זוכט פאר זיין לאנד וועגען צו א גוטער קאנױנקטור נישט נאר אויפ'ן וועג פון אינערליכער פערגרעסערונג פון געשעפט, נאר אויך אויפ'ן וועג פון געווינען דעם „אייגענפלאץ" אויף א רייהע געביטען אין כינע.

דער פראספעריטי-פלאן פון רוזוועלט'ן האט שוין פערשארפט די יאפאניש-אמעריקאנישע בעציהונגען און קען אלזא אנשטאט א „פראספעריטי" דערפיהרען צו א בעוואפנטען קאנפליקט צווישען יאפאן און די פעראייניגטע שטאטען.

בערנארד זינגער

יודען אין דייטשלאנד ווערען ווייטער געפייניגט

פון דער טעגליכער כראניק אין היטלער-גיהנום

בערלין (יט"א). דער לאנד-פאליציי-פרעזידענט פון העסען האט פערעפענטליכט א פרעס-קאמוניקאט, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען העסען, אז עס מעהרען זיך כסדר די פאלען, אין וועלכע יודען „פיהרען זיך אויף נישט צוריקגעהאלטען". „פרעכע אויסערונגען געגען דעם נאציאנאל-סאציאליסטישען שטאט און געגען איינצעלנע נאציאנאל-סאציאליסטען, פרובען זיך צו דערנעהנטערען צו דייטשע מיידלעך און דערגלייכען — זענען גורם א בערעכטיגטע אויפרעגונג פון דער דייטשער בעפעלקערונג. די פאליטישע פאליציי איז געצוואונגען צו נעהמען אין שוץ-האפט די שולדיגע יודען, ווי אויך „אזעלכע בעקאנטע יודען, געגען וועלכע עס וואלט זיך געקענט ווענדען די אויפרעגונג פון דער בעפעלקערונג". די יודען ווערט דעריבער דריגענד געראטען צו זיין צוריקגעהאלטען און חאס זעלבע ראטען זייערע יודישע פאלקס-גענאסען.

בערלין (יט"א). פון ווארמס ווערט מיטגעטיילט, אז די ארטיגע פאליציי האט ארעסטירט און געבראכט אין קאנצענטראציאנס-לאגער אסט-האפען א גרעסערע צאהל יודען פון ווארמס און אומגעגענד. אין פאליציי-קאמוניקאט הייסט עס, אז דער דאזיגער זעלבסטפערטיידיגונגס-מיטעל איז געווען נויטווענדיג, ווייל אין דער לעצטער צייט האט זיך דאס יודענטום בענומען אויף א פראוואקאצירענדען אופן לגבי דעם שטאט און זיינע איינריכטונגען. אזוי זענען יודען אין דער נאהענט פון ווארמס בעפאלען 2 אוניפארמירטע שטורמיסטען און זיי געשלאגען. וויטער האבען זיך יודען ערלויבט צו בעליידיגען דעם נאציאנאל-סאציאליסטישען שטאט אויף אן'ארויספאדערנדען אופן. אין דער לעצטער צייט איז אויך מעהרערע מאל פעסטגעשטעלט געווארען, אז יודען האבען זיך מאראליש פערזינדיגט לגבי קריסטליכע מיידלעך, אנ'אנדער מאטיוו איז דאס, וואס לויט די געריכטער מעלדונג פון א שטראסבורגער צייטונג זאלען אין קאנצענטראציאנס-לאגער אין אסטהאפען זיין אינטערנירט 300 יודישע פאמיליעס, וועלכע מען זאל דארט האבען געשלאגען. די פאליציי-דירעקציע ווארענט א לעצט מאל געגען אזעלכע נישט-בערעכענטע האנדלונגען.

ביי נעווראלגיע, מיגרען

Togal

און פערשידענע עהנליכע שמערצען ווירקען טאגאל-טאבלעטקעס שנעל און זיכער. אפילו אין פאראלטערטע פאלען האט מען מיט טאגאל דערגרייכט אונגעוועהנליך גוטע דערפאלגען. טויזענדער דאקטורים האבען אנערקענט די גוטע ווירקונג פון טאגאל. פרווט אליין אויס און איבערצייגט אייך! אין אלע אפטייקען

גרויסער ערפאלג פון מאסקווער יודישען מלוכה-טעאטער

מאסקווא (יט"א). דער מאסקווער יודישער מלוכה-טעאטער, אונטער דער אנפיהרונג פון מיכאעלס, האט זיך די טעג אומגעקעהרט פון א רייזע איבער אוראל. קורצע פארשטעלונגען אין יודיש זענען אויך געגעבען געווארען פאר נישט יודישע ארבייטער און זענען זעהר ווארם אויפגענומען געווארען. דער עקזעקוטיוו-קאמיטעט פון אוראלער געגענד האט אין א בעזונדערען בריף אויסגעדריקט זיין בעוואונדערונג פאר דעם טעאטער און איבערגעשיקט ווערטפולע מתנות פאר'ן טעאטער און פאר איינצעלנע ארטיסטען. דער טעאטער האט בעקומען 30 טויזענד רובל און די ארטיסטען — 3000 רובל.

א. לער

דינסט-מיידלעך

(נייער שפאנענדער ראמאן פונ'ם יודישען לעבען אין פוילען)

(פארזעצונג 19).

לייבעלע האט זיך ארייגעשארט אויף די שפיץ-פינגער און ווען ער האט דערפיהלט מיין ווארימען קערפער, איז ער ווילד געווארען און מיך אנגעהויבען בעשיטען מיט קושען.

ווי תמיד האט ער געשוויגען. ווען ער פלעגט אריינקומען, פלעגט ער בלויז פארערן ס'זייניגע.... גארנישט רעדען, קיין ווארט אפילו נישט און שטיל זיך ארויסשארען.

כ'האב איהם קיינמאל נישט געמשעפעט מיט א שמועס. כ'האב געוואוסט, אז א רביש קינד איז נישט קיין ליאדע ווער, אז פאר איהר פאסט עפעס נישט זיך אריינצולאזען אין א שמועס מיט עפעס א דינסט-מיידעל... איך בין א נארישע פרוי און א ך מוז אונטערטעניג פאלגען...

אויך דאסמאל האט ער גארנישט גערעדט, נאר אזוי ווי איך כ'י זעקס טאג געווען אזוי האלעמענס צונג, האב איך בעשלאסען צו פרעגען, צי ער האט אויך געהערט וועגען דעם.

ווען ער איז געלעגען נעבען מיר און געקושט מיין לייב, האב איך מיך מיטאמאל אנגערופען:

— לייבעלע האט געהערט וואס מען דערצעהלט וועגען מיר אין שטעטעל?

ער האט געשוויגען און ווילד זיך געלאשטשעט צו מיר.

— לייבעלע גלויבט דאס?

ער האט אלץ נישט געענטפערט.

ערשט שפעטער, ווען ער האט געזעטיגט זיינע בעגעהרען און זיך געקליבען אוועקצוגעהן, האב איך איהם פערהאלטען מיט דער זעלבער פראגע:

— לייבעלע גלויבט, וואס מען דערצעהלט?

האט ער מיך לייכט אבגעשטופט און זיך אנגערופען:

— ביזט א חצפהה!

און איז ארויס.

בין איך געבליבען ליגען ווי א לייםענער גולם.

פארוואס קומט עס מיר נאך צו בעליידיגען, פארוואס? פאר מיין גוטס, וואס איך טהו איהם... ער איז טאקע א רביש קינד, אבער האס איז שוין צופיל, ער האט מיך צו גראב בעליידיגט.

און ס'האט מיך אנגעהויבען טרייסלען אין א היץ און אין א קעלט. שוין! עס מוז נעהמען א סוף. אויב ער איז אפילו נישט דאנקבאר פאר מיין גוטס, זאל ער נישט וואגען מעהר צו קומען... כ'וועל איהם בעליידיגען, כ'וועל איהם ארויסטרייבען.

אזוי האב איך בעשלאסען, נישט פיהלענדיג אפילו בשעת מעשה ווי מיין פנים איז נאס פון טרערען.

כ'האב נישט געקענט איינשלאפען ווערען. א גאנצע נאכט האב איך געוויינט, כ'האב זיך נישט געקענט שענקען מיין לייכטזיניגקייט. צוליב וואס האב איך זיך געלאזט אויף דעם וועג? צו וואס בין איך געווארען זיין געליבטע: געלד? ליבע?

ניין. נישט צוליב געלד און נישט צוליב ליבע. סתם א נארישע איינרעדעניש איז עס געווען. איך בין געווען צופרידען, וואס איך ווער געפיעשטשעט פון רביש קינד, וואס לייבעלע וועט ווערען מיין געליבטער.

וואסער לוין האב איך פאר דעם קרבן וואס איך האב געבראכט? קיין שום לוין נישט, פערקעהרט: בעליידיגונג, איבערלאכונג, פעראכטונג.

און וואס וועט איצטער פון מיר ווערען? ווי נאריש און לייכטזיניג איך בין, אז ביז איצט האב איך אפילו נישט א טראכט געטהון וועגען די רעזולטאטען...

וואס וועל איך טאקע טהון, ווען איך וועל ווערען די מוטער פון לייבעלע'ס קינד?

א פראסט איז מיר אדורך דורך אלע גלידער. וואס וועט טאקע דעמאלט פון מיר ווערען? צו וועמען וועל איך געהן און צו וועמען זאל איך זיך ווענדען? ווי אזוי וועלען מענשען אויף מיר קוקען און וואס וועט מען דאמאלט זאגען?

מען וועט זאגען, אז כ'בין אנ'אויסגעלאסענע, א שמאטע, א גארנישט מיט א גארנישט. און איך וועל מוזען שווייגען, כ'וועל גארנישט קענען רעדען.

וואס דען וועל איך קענען טהון? כ'וועל דערצעהלען, אז לייבעלע איז דער טאטע פונ'ם קינד? מען וועט פון מיר שפעטען און נישט בלויז שפעטען וועט מען, נאר מען קען מיך אויך הרגען זיין. וואס הייסט כ'וועל מאכען אויף לייבעלע דעם רבי'נס אזא שרעקליכען בלבול? מען וועט מיך אנגעהמען פאר א משוגענע און ווער ווייסט צי מ'וועט מיך דערפאר נישט אריינפאקען אין א משוגעים-שפיטאל.

וואסער אויסוועג וועט דאמאלט זיין פאר מייטעמוועגען: זעלבסטמארד. א פארציע סם און — מיין גוף וועט מען לעגען אין דער קאלטער ערד אריין.

ווערמיך, הייסט עס, מיין לעבען אזוי ענדיגען? דערויף בין איך געווען א קנעכט ביי יענעם, כדי באלד דערנאך צו שטארבען מיט חרפה?

כ'בין געלעגען אין א קאלטען שווייס. מיין מוח האט געארבייט ווי א מאשין ביז...

בין אין דרויסען איז געווארען גרויסער טאג. א קאלטע פרימארגען זון האט זיך ארייגעריסען דורך די פענסטער, האב איך זיך געמאכט פערגעסען אין די צרות און זיך שנעל אנגעטהון.

דער פריהמארגען איז געווען א קאלטער. אין דער לופט האב זיך שוין געפיהלט דער אנקומענדער ווינטער. מענשען זענען אנגעטאן געשטאנען פון זייערע געלעגערס מיט פערהאגערטע פנים'ער, ביז נישט אויסגעשלאפענע אויגען און מיט מידע פיס.

בין איך ארויס אין מארק אייגקויפען וואס מען ברויך האבען אין בעל-הבית'ש'קייט.

האט מען מיך אויף שריט און טריט בעגעגנט אדער מיט שטויסונג אדער מיט א שמייכעלע.

די שמייכלען האבען מיך געשמאכט. אין זייערע שמייכלען זענען געלעגען חוזק, פעראכטונג און גיפט.

די קליינשטעטלדיגע יודענעס, וואס קומען ארויס אויפ'ן מארק פליאפקעווען, האבען זיך אנגעהויבען שושקען און רכילות'ען פון מיר די בליקען נישט אראבגעלאזט.

האב איך קיים דערלעבט אלץ איינצוקויפען און צו גיין א היים.

ווען כ'בין ארויף אין שטוב איז שוין די רביצין ארומגעגאנגען אין איהר וואלגע שמעק-לאטשען, אין איהר גרויסע בערגעדערטע קופטע און עפעס געגרינטערט אין אלע ווינקלען.

אין שטוב בין איך אריינגעקומען מיט א פערמינען בעשלוס: כ'וועל האנקען פאר דער שטעלע און וועל אוועקפאהרען פון שטעטעל.

און גלייך האב איך זיך געווענדעט צו דער רביצין:

— ס'איז מיר נישט גיהא ארויסצוגעהן אין גאס.

— מען האט דיך געמשעפעט?

— געמשעפעט האט מיך קיינער נישט, אבער מיט שמייכעלעך מאכען זיי מיר קאליע דאס בלוט.

— וואס אהרט דאס דיך? קוקט מען זיך נישט אום אויף זיי, און טראכטענדיג אין יגע, רוף איך זיך אן:

— רביצין. אפשר איז גלייכער, אז כ'זאל אוועקפאהרען פון שטעטעל?

זי האט אויף מיר אויסגעגלאצט א פאר אויגען און געענטפערט:

— ביזט משוגע געווארען, מיידעלטשיגע? וואוהין ווילסט פאהרען?

— א היים.

— צום ארימען טאטען?

— אלץ בעסער ווי מען זאל פון מיר חוזק מאכען.

— און דער טאטע וועט דיר געבען צו עסען?

— וועל איך פאהרען ערגיץ זוכען א שטעל.

— וואוהין וועסטו פאהרען?

— קיין ווארשא.

— קיין ווארשא? א מיידעל ווי דו וועט זיך לאזען קיין ווארשא אהן אויפזיכט?

— וואס טהוען אנדערע מיידלעך?

— זאלען זיי טהון, זאלען זיי אליין פאהרען קיין ווארשא. דו ביזט א צו ארענטליך קינד, א כשר'ע מאמטער...

כ'האב זיך שיער נישט צעלאכט. ווי גרויס מיינע צרות זענען נישט געווען, האב איך שיער נישט אויסגעשאסען אין א געלעכטער.

נאר כדי נישט ארויסצורופען קיין חשד, האב איך זיך אנגערופען:

— אז מען איז ארענטליך און פיין, האבען שלעכטע מענשען קיין שליטה נישט.

יקיר וואַרשאַווסקי

ווענען א יודישקייט־מיסיאָן צווישען די פעלקער

1

דער ענין, וואָס איך וויל דאָ בעריהרען, וועט אויסקוקען משונה ביי א גרויסען טייל לעזער. ווי נעהמט דאָס אַ מענש אין אַזאַ צייט, וואָס איז אַזוי ביטער בכלל און פאַר יודען בפרט; בעת דאָס גאַנצע יודישע לעבען, דאָס עקאָנאָמישע, ווי דאָס גייסטיגע, איז איין גרויסער חורבן — ווי קומט ער דאָס איצט בעהאַנדלען אַזאַ פראַגע, וואָס ליגט אונז אין דער לינקער פּאה. נישט אַנדערש, אַז ער האָט שוין אַלץ אָבגעוואָרגט, אויסגעוואָרגט און פערוואָרגט, ס'פעהלט איהם שוין גאָרנישט אויף דער וועלט און זיין איינציגע דאגה איז נאָר, ווי אַזוי ממלא צו זיין די פּגימת הלבנה, אויב ער קומט זיך פערנעהמען מיט אַזאַ אויס־טערלישען ענין. און דאָך האָב איך די דרייסט־קייט צו בעהאַנדלען אויף אַזאַ ענין, און בעהאַנדלען איהם גאַנץ ערנסט און גרינדליך, ווייל דאָס איז טאַקע אויך אַ לעבענס־פראַגע, אויב נישט פון היינט אויף מאָרגען, איז אויף דער ווייטער, אָדער אפשר גאָר נאָהנטער צוקונפט; אַן עקזיסטענץ־פראַגע פון דער ערשטער מדרגה, וואָס קאָן אַמאָל האָבען פאַר אונז אַ געוואַלדיגע בעדייטונג.

ביי אַלע לעבעדיגע, געזונדטע קולטור־פעל־קער זעהט מען אַ מאָדנע דערשיינונג; מיר האָבען דאָס אויך געזעהן ביי די גרויסע אייראָפּעאישע פעלקער בשעת דער וועלט־מלחמה: בעת זייערע קינדער זענען אויסגעגאַנגען אין בלוט אויף די שלאַכטפעלדער, האָבען פונדעסטוועגען די לעבעדיגע נישט אויפגעהערט צו זאָרגען אויך פאַר דער ווייטער צוקונפט און זיך אָבגעגעבען נאָך מיט מעהר איפער פאַר דער ענטוויקלונג פון קונסט־ און קולטור־ווערטען, צו בויען נייע אינ־סטיטוציעס, טעאַטערן, מוזעאומס, איינצופיהרען נייע קאַטעדריעס אויף די אוניווערזיטעטען און זיך אָבגעבען אפילו מיט אַרכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען. אפילו דאָס היטלער־פאָלק, די דייטשען, די אַמאָליגע ... האָבען נישט אויפגעהערט בעת דער מלחמה צו פלעגען זייערע נאַציאָנאַלע אוצרות, און מיר ברויכען זיך אודאי אָבצולערנען פון די „מתוקנים שבהם" און נישט אוועקמאַכען מיט דער האַנד אַ זאַך, הגם מען זעהט נישט באַלד פאַר די אויגען איהר נוצען.

אַלזאָ, עס האַנדעלט זיך וועגען פערגרעסערן די צאָהל יודען אויף דער וועלט. אויב ביי אַנדערע פעלקער איז עס אפשר נאָר אַ זאַך פון נאַציאָנאַלען שטאָלץ, איז עס ביי אונז ממש אַ לעבענס־פראַגע, וואָס מיר טאָרען זיך נישט דער־פון אָבזאָגען; אויב אַנדערע פעלקער, וואָס פער־מאָגען ריזיגע קאָלאָניעס אין די אָבגעשטאַנענע וועלט־טיילען אין אפריקאַ און אזיע, וואָס זיי ציהען פון זיי אַרויס גרויסע רייכטימער, זאָגען זיך נישט אָב פון פערשפּרייטען זייער קולטור, שפּראַך און גלויבען צווישען די ווילדע האַלב־ווילדע פעלקער, כדי צו געווינען אויך זייער נשמה און מיט דער צייט אויך זייער הארץ, מכל־שכן מיר, וואָס מיר פערמאָגען ממש גאָרנישט מלבד כה'שעם; וואָס מיר זענען צעשטויבט, צעפּיצעלט און צעוואָרפען איבער שבעה ימים און וואָס אונ־זער גאַנצער כח בעשטעהט בלויז אין אַ ביסעל נאַציאָנאַלער קולטור און אייגענאַרט, וואָס איז אָבער אויך אַרומגעפרעסען און אַרומגענריזשעט פון דער אַסימילאַציע — מיר מוזען אַוודאי און אַוודאי זיך אַרומקוקען, וואו מיר האַלטען אין דער וועלט און זעהן מיט אַלע מעגליכקייטען זיך צו שאַפען איבער'ן גאַנצען ערד־קוגעל פריינד ברידער און גלויבענס־גענאָסען. וואָרום ווער קאָן אונז גאַראַנטירען, למשל, אַז אַזאַ אויסראַטונגס־פּאָליטיק, ווי עס פיהרט איצט דאָס היטלערישע דייטשלאַנד, וועט זיך נישט איבערטראָגען ווי אַ מגפה אויך אין אַנדערע לענדער? און בכלל, ווער ווייסט, ווי אונזער גורל וועט אויסקוקען אין אַ צייט־אַרום? ועהען מיר דאָך, ווי זאַכען, וואָס מיר האָבען געהאַלטען ביז היינט פאַר אונמעגליך, זענען טאַקע יאָ געוואָרען מעגליך, קוים האַנדעלט עס זיך וועגען יודען. איז דאָך זעלבסטפערשטענדליך, אַז מיר ברויכען בייצייטענס זיך זעהן צו פערשאַפען וואָס מעהר פריינד איבער דער גאַנצער וועלט.

בקיצור, עס האַנדעלט זיך וועגען גרינדען אַ גרויסע, פערצווייגטע יודישקייט־מיסיאָן־געזעלשאַפט פעריזעהן מיט גרויסע געלד־מיטלען, וואָס זאָל זיך פערנעהמען מיט פערשפּרייטען דאָס יודענטום (אָדער רופט עס: יודאַאיזם), דעם יודישען גייסט, יודישע רעליגיע און קולטור צווישען האַלב־ און גאַנץ־פערגעסענע יודען, צווישען אַמאָל־געוועזענע יודען און אויך צווישען נישט־יודען.

איך וועל דאָס גלייך דערקלערן:

בעצם זענען מיר דאָך אַ „מיסיאָן"־פאָלק. שוין אונזערע נביאים זענען געווען די אמת'ע שליחים. זייער בליק און זייערע רייד זענען געווען געווענ־דעט נישט בלויז צו יודען, נאָר אויך צו אַנדערע פעלקער, וואָס האָבען געלעבט אין יענע צייט־טען. ישעיהו, מיכה און איבערהויפּט עמוס, האָבען נביאות־געזאָגט אויף צור, פּלשתים, עמון מואב, אַרם, מצרים א.אַז.וו. די ארץ ישראל און יהודה. זיי האָבען זיך אַריינגעמישט אין די פּאָליטישע ענינים און געזאָגט דעות אויף וועגען מלחמה און שלום פון אַנדערע פעל־קער; האָבען זיך אָנגעזעהן די שולה פון אַלע נעדרייקטע קלאַסען, הגם דאָס האָט נישט געהאַט קיין דירעקטע שייכות צו יודען. זיי זענען געווען די אמת'ע מיסיע־מענשען, געוואָלט פער־שפּרייטען גאָט'ס וואָרט צווישען אַלע פעלקער, אַז אַלע זאָלען קומען קיין ירושלים צו גאָט'ס באַרג, אַז פון ציון און ירושלים זאָל אַרויס תורה פאַר אַלע אומות. זיי האָבען, אַלזאָ, גע־זעהן אין יודען דאָס פאָלק, וואָס האָט אַן־אויפ־גאַבע צו פערשפּרייטען גאָט'ס וואָרט צווישען אַלע נאַציעס, און דעריבער איהם אָנגערופען: „עם הנבחר", דאָס אויסדערוועהלטע פאָלק. דער גאַנ־צער משיח־געדאַנק איז דאָך געבויט אויף אָט דעם מיסיאָן־יסוד; משיח ברויך דאָך זיין נישט בלויז פאַר יודען, נאָר פאַר אַלע פעלקער, פאַר דער גאַנצער מענשהייט. אמת, אין דעם לעצטען יאָהרהונדערט האָט דערדאָזיגער הימעל־הויכער געדאַנק אָנגענומען אַ פערקריפּעלטע פאָרם דורך די האַלב־אַסימילירטע היסטאָריקער, גאַנץ־אַסי־מילירטע וויסענשאַפטלער און אייראָפּעאישע ראַ־בינער, וואָס האָבען דעם געדאַנק וועגען יודי־שען מיסיאָן דורכאויס געוואָלט פערוואַנדלען אין אַ געצייג פון דער אַסימילאַציע, אויפווייזענדיג, אַז אונזער מיסיע איז דווקא צו זיין פערשפּרייט צווישען די אומות, רעדען זייערע שפּראַכען, זיין אַדורכגעדרונגען מיט זייער גייסט און קולטור און זיך אונטערשיידען בלויז מיט דער רעליגיע. דאָס, וואָס אונזערע נאַציאָנאַלע דענקער, ווי אחד־העם, למשל, האָבען אַזוי שטאַרק בעקעמפּט. אָבער אפילו זיי, די לעצטע, זענען מודה, אַז דאָס יודישע פאָלק האָט אַ היסטאָרישע מיסיע, נעמליך, צו פערשפּרייטען דעם מאָנאָטעאיזם און די עטיק, לויט ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק דורך אונ־זערע נביאים. אָט די מיסיע ליגט אין עצם־מהות פון פאָלק, ליגט אויף דער ליניע פון זיין גע־שיכטליכען גאַנג און ענטוויקלונג. מיט איין וואָרט: מיר זענען אין גרונד אַ מיסיאָן־פאָלק, לויט ווי עס איז באַלד לכתחילה געקומען צו סאויסדרוק אין דעם תנ"ך. מיר זענען אָבער בענאַנגען די גרעסטע זינד דערמיט, וואָס מיר האָבען זיך אַליין פערראַטען, וואָס מיר זענען געגאַנגען געגען זיך אַליין, פערלייקענט אונזער נאַטור און נישט אויס־געפיהרט אונזער מיסיע צווישען די אומות און איהר גאַנצען פערנעהם.

עפּעס אַ קללה איז געלעגען אויף אונז, וואָס מיר האָבען אויסגעמיטען דווקא דאָס, וואָס איז איז געלעגען אין אונזער בלוט: די אויפגאַבע צו פערשפּרייטען גאָט'ס וואָרט צווישען פעלקער. — עפּעס אַ ווידערווילען האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אונזער פּסיכיק, אַ ווידערווילען צו גרים. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז מיר האָבען אָנגענומען פאַר אַ תורה שלמה דאָס, וואָס דער תלמוד זאָגט אויף איין אָרט: „קשים גרים לישראל כספחת" (גרים זענען שעדליך פאַר יודען ווי אַ נגע). מעגליך, אַז דערין איז שולדיג אונזער צרה־צרה אַהעקגעהן אין גלות; מעגליך, אַז עס זענען גע־ווען אַנדערע סיבות דערצו. גענוג, אַז מיר האָ־בען זיך נישט בעמיהט צו געווינען גרים. פערקעהרט מען האָט זיי נאָך אָבגעשטויסען, געלעגט שטיינער אויס'ן וועג, און בעת אַנדערע האָבען אָנגעווענדט און ווענדען נאָך אָן ביז היינט אַלע מעגליכסטע מיטלען, כשר'ע און אפילו נישט גאַנץ כשר'ע, כדי צו פאַנגען כאָטש איין יודישע נשמה; בעת אין די אַלטע צייטען האָט מען מיט פייער און שווערד, בלוט און אייזען, פערשפּרייט רעליגיעס, און אין מיטעלאַלטער איז מען געקראָכען פון דער הויט און מיט אינקוויזיציע־מיטלען און מיט אויטאָ־דאַפעען און טאָרטורען געצוואונגען יודען און סתם אַנדערש־גלויביגע צו אַ נייער אמונה — זענען מיר געשטאַנען פונדערווייטענס און נישט געפּרובט אַ טראַכט־טהון, אַז אויך מיר האָבען דאָס רעכט צו פערשפּרייטען אונזער רעליגיע צווישען אַנדערע, הגם נישט מיט זייערע מיטלען, וואָס דאָס איז אַוודאי געגען דעם יודישען גייסט, און מעגליך, אַז טאַקע דאָס, די שווערליכע מיט־לען פון אַנדערע, האָט אונז פער'מיאוס'ט די גאַנצע זאַך און אָבגעשטויסען פון דערדאָזיגער אויפגאַבע. אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, איז געבליבען ביי אונז אַ בייגעשמאַק, אַ ווידערווילען צו דעם ענין גרים. פערקעהרט, אַז איינער איז געקומען זיך מגייר־זיין, האָט מען איהם אָב־געשטויסען, „אויסגערעדט" אויף יודישקייט, כדי איהם אָבצורעדען דערפון.

אָבער מעגליך, ווען מיר וואָלטען געהאַט מעהר פערשטענדניש פאַר דערדאָזיגער זאַך, וואָלט אויך אונזער געשיכטע אָנגענומען אַנדערע פאָרמען און אונזער לעבען וואָלט אינגאַנצען אַנדערש אויסגעזעהן. מעגליך, אַז די געשיכטע איז זיך טאַקע אָן אונז נוקם פאַר אונזער פערנאַכלעסיגען דאָס שאַפען מיטבירגער און גרים. מיר האָבען דורכגעלאָזט אַ סך געלעגענהייטען, וואָס מיר האָבען זיי געקאָנט אויסנוצען פאַר זיך. איבער־הויפּט האָבען מיר פערנאַכלעסיגט אַזאַ שעת־הכושר, ווי ס'איז געווען די תקופה פון דער ענטשטעהונג פון קריסטענטום. דעמאָלט, ווען אַלץ איז געווען צונעגרייט, אַז דאָס יודענטום זאָל ווערען אַ וועלט־מאַכט; בעת די אַלטע, נעצענ־דינערישע וועלט האָט געקראַכט, רוים האָט גע־זוכט אַ נייעם אינהאַלט און איז געווען גרייט אָנצונעהמען דעם יודישען מאָנאָטעאיזם — דע־מאָלט איז געווען די צייט פאַר'ן יודענטום אַרויס־צוטרעטען אויף דער וועלט־אַרענע, דאָס, וואָס דאָס קריסטענטום האָט פערשטאַנען. אמת, מיר ווייסען די סיבה. דאָס קריסטענטום איז דאָך איינענטליך געווען אַ ריין־יודישע סעקטע, וואָס האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַ סך מצוות־מעשיות, איבערהויפּט פון מצות מילה, כדי צוציהען די גע־צענדינער. אָבער דאָס איז נישט אַלץ. זענען דאָך פונדעסטוועגען געווען פיל געצענדינער, וואָס האָבען אָנגענומען אָהן שום אַגיטאַציע פון יו־דישער זייט, דאָס ריינע יודענטום. אפילו אין די קייזערליכע פּאַלאַצען זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען געווען געניגט דווקא צום בפירושען, אַבסאָלוטען יודענטום, ווי ס'איז געווען דער פאַל ... מיט נעראָנ'ס ווייב פּאָפּעאַ און נאָך. און ביי אַ געוויסער צונויגונג מצד יודען אָנ־צונעהמען גרים, וואָלט די צאָהל גרים געקאָנט זיין אונגעהויער גרויס.

דאָסזעלבע איז אויך געווען ביים אויפשטייגען פון איסלאַם. דעמאָלט איז די לאַגע געווען נאָך גינסטיגער פאַר יודען. דעמאָלט זענען דאָך אויף דעם אַראַבישען האַלב־אינזעל געווען יודישע וואַנ־דער־שבטים, ווי די בני־קורייטה, וואָס האָבען געלעבט ווי די אַראַבער און נאָר מיט דער רע־ליגיע האָבען זיי זיך אונטערגעשיידט, און אפילו אַן'איינענע יודישע מלוכה האָבען זיי געהאַט, וואָס איהר לעצטער קעניג איז געווען יוסף־דהו־נואַס. דער באַדען פאַר אָננעהמען דעם יו־דישען גלויבען איז געווען צוגעגרייט, דער יסוד איז געווען פעסט, האָט דאָך מאַכמעד אַליין אַרי־בערגענומען אַ סך פון דער יודישער תורה; גע־פינען זיך דאָך אין קאָראַן אַליין שפּורען און איינפלוסען פון תורת־משה. ס'האָט נאָר געפעהלט דער שטיפּ מצד יודען. ליידער איז דערדאָזיגער שטופּ נישט געקומען. אויך די מצוות מילה האָט דאָ נישט געקאָנט זיין קיין שטערונג, מחמת די אַראַבער אַליין, ווי בעוואוסט, האַלטען דאָך פון דערדאָזיגער מצווה, און דעריבער, ווען מאַכמעד האָט אָנגעהויבען פערשפּרייטען זיין נייע תורה מיט'ן כח פון דער שווערד, איז זיין שאַרף גע־האַבען געוואַנדט הויפּטזעכליך געגען יודען. און לאָמיר זיך נאָר פאָרשטעלען אויף אַ רגע אין דער פאַנטאַזיע, ווי וואָלטען מיר אויסגעזעהן און ווי וואָלט אויסגעזעהן דער ענין ארץ־ישראל, ווען די אַראַבער וואָלטען געווען — יודען...

נאָך גרעסער איז דאָס וואונדער, ווען מיר נעהמען אין אכט, אַז נישט תמיד און אין אַלע הינזיכטען האָבען אונזערע אבות געקוקט קרום אויף גרים. אין דעמזעלבען תלמוד, וואו עס ווערט געזאָגט: „קשים גרים לישראל כספחת", ווערט אויך געזאָגט: „לא הגלה הקב"ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים"... (פסחים פ"ז) (איבער דעם האָט גאָט פערטריבען די יו־דען צווישען די פעלקער, כדי ס'זאָלען צוקומען גרים), האָט דאָך נישט קיין אַנדערער ווי דער גר עקילס זוכה געווען, אַז זיין תרגום (תרגום אונקלוס) זאָל ווערען געלייענט צוזאַמען מיט דער תורה אין שבת: „שנים מקרא ואחד תרגום". דער גאַנצער ענין פון גר־צדק איז דאָך ביי אונז אַזוי געאַכפּערט, פערהערליכט און פערנעהמט אַזאַ אָנגעזעהן אָרט אין דער פאָלקס־שאַפונג, אין דער לעגענדע און אויך אין דער ליטעראַטור. אַ גר־צדק איז דאָך געווען דער אמת'ער מיוחס און די אבירהם בן אברהם'ס זענען גע־ווען די פאָלקס־ליבלינגען. און דווקא הלל הבבלי, וואָס די הלכה בלייבט תמיד ווי ער, איז געווען דער, וואָס האָט מקרב־געווען גרים און זיי פערלייכטערט דעם איינטריט אין יודענטום, און נישט דער שטרענגער שמאי. מיט וויפיל גלאָריע און פּיעטעט האָט, למשל, די יודישע לעגענדע אַרומגערינגעלט דעם בעוואוסטען גר־צדק פון ווילנא, וואָס זיין קבר ווערט געהאַלטען פאַר אַ מקום־קדוש ביז'ן היינטיגען טאָג.

איצט דאָס קאַפּיטעל: כוזרים. איינמאָל איז עס געלונגען צו בעקעהרען אַ טאַטערישען שטאַם צום יודענטום, און מען קאָן נישט זאָגען, אַז מיר ברויכען חרטה האָבען אויפ'ן דאָזיגען שידוך. אַ שאָד, וואָס מיר ווייסען פון זיי אַזוי ווייניג. אָבער אויך דאָס ביסעל, וואָס מיר ווייסען, ברענגט אַריין אין התלהבות. דערמאָהנט זיך נאָר, ווי עס האָ־בען אויפגענומען די ידיעה וועגען דער עקזיס־טענץ פון די כוזרים די יודען אין שפּאַניען, ווי עס שרייבט אין דעם בעוואוסטען בריף צום כוזרישען קעניג יוסף — דער ראש־הגולה ר' שמואל הנגיד: „ווען איך זאָל וויסען, אַז ס'איז אמת, אַז עס עקזיסטירט אַ יודיש מלכות, — וואָלט איך פערלאָזט מיין כבוד, גדולה, משפחה און וואָלט זיך געלאָזט איבער בערג און ימים, ביז כ'וואָלט געקומען צו דיר"...

וואָס איז, אַלזאָ, דער היוצא לנו מדברינו? אַז מיר מוזען גרינדליך רעווידירען אונזער שטע־לונג צו דערדאָזיגער, פאַר אונז אונגעהויער־וויכטיגער פראַגע. מיר מוזען פולשטענדיג אַר־בערשאַצען אַלע ווערטען בנוגע דערדאָזיגען ענין. דעם מאמר: „קשים גרים לישראל כספחת" ברויכען מיר אָננעהמען בלויז ווי אַ מאמר־יחיד, וואָס איז געזאָגט געוואָרען נאָר לשעתו און ער דאַרף נישט זיין מאַסגעבענד, אַזוי ווי ס'איז נישט מאַס־געבענד דער מאמר: „כל המלמד את בתו תורה, כאילו מלמדה תיפלות". אָט זעהען מיר דאָך, אַז אפילו אונזערע אָרטאָדאָקסען פערשטעהן שוין, אַז מען ברויך אויך די בנות צו לערנען תורה. מיר מוזען רעווידירען דערדאָזיגען געשיכטליכען טעות. מעגליך, אַז אין געוויסע תקופות איז עס גע־ווען אַ צורך השעה, אַ נויט־זאַך, כדי אָבצוהיטען די יודישע ריינקייט, די טהרת־הגזע, אָבער, בדרך־כלל, איז דאָס געווען אַ גרויס, אומגליקליך פער־זעהן. זאָגט דאָך די גמרא אַליין בנוגע דער טהרת־הגזע, אַז „ארץ־ישראל איז אַנ'עיסה, אַ טייג, פאַר בבל"... דאָס הייסט, אַז בבל איז גאָר ריינער אין יחוס פון א"י. היינט, ווי בע־וואוסט, איז בכלל נישטאָ קיין איין קולטור־פאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין ראַסע־ריין, און יודען אויך בתוכם, אין אַ גרעסערער אָדער קלע־נערער מאָס.

איך פערשטעה אַלע שוועריגקייטען, וואָס זענען פערבונדען מיט דעם ענין. זענען מיר דאָך נישט גלייך צו קיין שום אַנדער פאָלק אין דעם פּרט. ביי אַנדערע פעלקער איז דאָס הויפּט־קריטעריום פון פאָלקסטום — דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין, וואָס זיינע אַטריבוטען זענען: די ערד, די שפּראַך, די מלוכה א.אַז.וו. און די רעליגיע שפּילט די קלענסטע ראָל'ע און דעריבער קאָן מען זיין, למשל, אַנ'שוואַנגעליק, קאַטאָליקיסט, אָדער גאָר מוסולמענער לויט דער רעליגיע, און צוזאַמען דערמיט אַ גוטער פּאָליאַק אָדער פראַנצויז לויט דעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין. דעריבער איז דאָרט דאָס איבערגעהן פון איין רעליגיע צו דער צווייטער אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, וואָס גרענעצט זיך נישט מיט שמד, מיט פאָלקס־פער־לייקנונג. אַנדערש איז עס ביי יודען. אונזער פאָלקסטום איז אַזוי געקניפּט, געבונדען און דורכ־גענומען מיט'ן רעליגיעזען מאָמענט, אַז ס'איז אונמעגליך אָבצוטיילען איינס פון צווייטען, ווי אַ פלאַם פון אַ ליכט; דורך אונזער גאַנצער גע־שיכטע געהט־דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דער גרונד־געדאַנק, אַז מיר זענען אַ גוי־קדוש, אַ ממלכת־כוהנים, און אויב מיר האָבען זיך דער־האַלטען ביז היינט אַלס פאָלק, נאָך דער צוויי־טויזענד־יעהריגער מאַרטיראָלאָגיע, איז עס הויפּט־זעכליך נאָר אַדאַנק דער רעליגיע, דער אמונה. דעריבער הייסט דאָס אַוועקגעהן פון יודישען דת גלייכצייטיג אויך דאָס אַוועקגעהן פון פאָלק, דאָס הייסט: שמד, בגידה, פערראַט. ביי קיין שום פאָלק איז נישט פאַרהאַן אַזאַ מין שרעק־ליך וואָרט: שמד. דער משומד איז פולשטענדיג פאַר אונז פערלוירען. דעריבער איז ביי אונז נישט מעגליך צו זיין אַ נאַציאָנאַלער יוד פון קריסטלי־כען אָדער מוסולמענישען גלויבען. דעריבער אויך איז עס אַ ביסעל שווערליך דער ענין גרים. ביי לייטען איז עס נאָר אַנ'אַקט פון טוישען די רע־ליגיע, אָבער נישט דאָס פאָלק; ביי אונז אָבער איז אונמעגליך אָנצונעהמען די יודישע רעליגיע און בלייבען גלייכצייטיג פראַנצויז אָדער דייטש. מיר מוזען האָבען דעם גאַנצען מענש. כדי צו זיין אַ יוד, מוז מען אויך איבערגעהן צום יו־דישען פאָלקסטום. מיר פערמאַכען, אַלזאָ, נישט די אויגען אויף די שוועריגקייטען. מען קאָן זיי אָבער בייקומען. דער בעסטער בעווייז איז: די כוזרים, די פערשידענע גרים־סעקטעס אין גע־וועזענעם רוסלאַנד און אַ מענגע יחידים, וואָס זענען איבערגעגאַנגען צום יודישען דת און גלייכ־צייטיג — צום יודישען פאָלק.

קאָנקרעט וועל איך ענטוויקלען מיין פּלאַן אין קומענדיגען אַרטיקעל.

קופאָן

צו דער גרויסער פאָלקס־אָבשטימונג פון „אונזער עקספּרעס" וועגען ענין־סטאַווסקי

נאָמען און פאַמיליען־נאָמען: ________

____

אַדרעס: ________

צי זענען סטאַווסקי־ראָזענבלאַט שולדיג אין ערמאָרדען אַרלאָזאָראָוו'ן? ________

אברהם רייזען

פערטעל יאהר־הונדערט

ליטעראַרישע ערינערונגען פון אייראפא און אמעריקא פון דער שלום־צייט און מלחמה־יאהרען

דריטער קאפיטעל

אונזער טיר איבער גאַליציען און בוקאָווינא. — ל. טאָקאַגאָוויטש דער אימפרעסאַריאָ. — נוראַ־הומאָרא. — דער קבלת־פנים אין סטרי. — צוויי טעג און צוויי נעכט יום־טוב. — די שענע מיידלעך. — די בלומען. — פרצ׳עס רעדע אין בארישלאוו פאר די אסימילאַנטען. — דער גרויסער איינדרוק. — דער טאנקעט מיט שאמפאניער — די ווירקונג פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ.

נאָך דער קאָנפערענץ זענען מיר, אַש, נאָמבערג, פרץ און איך, איינגעלאַדען געוואָרען אויף פאָרלעזונגען און פאָרטראַגען אין גאַליצישע שטעדט. גאַליציע, וואָס איז אין איהר גרויסער מעהרהייט געווען נישט אזוי פריינדליך צו יודיש (אויסער די אַרבייטער־מאַסען), האָט דאָך, פון דער אַנדערער זייט, געוואָלט האָבען די פיהרער פון דער קאָנפערענץ פאַר איהרע געסט. אין באַנכע שטעדט זענען מיר געפאָהרען צוזאַמען; פאַר אַנדערע שטעדט, קלענערע, האָט מען די קרעפטען געטיילט. אין איין שטאָדט האָט מען געשיקט פרצ׳ן מיט אַש׳ן, אין אַ צווייטער — מיך מיט נאָמבערג׳ן... האָט איין שטעדטעלע, אין דער בוקאָווינא דווקא, מיט דעם רומענישען נאָמען גוראַ־הומאָרע, געפאָדערט מיך מיט אַש׳ן. אַש איז שוין אָבער געהען אַוועקגעפאָהרען אין אַן אַנדער שטאָדט אין גאַליציע. האָט דער אימפרעסאַריאָ, ל. כאַזאַנאָוויטש, אַ טעטיגער מיטגליד פון דער קאָנפערענץ, געשיקט מיך מיט נאָמבערג׳ן. ווען מיר זענען געקומען קיין גוראַ־הומאָרע, איז צום באַנהויף געקומען אַ קאָמיטעט פון דריי צו באַגעגענען אונז. דערזעהן נאָמבערג׳ן, אַ צונויפגעקנייטשטען, האָבען זיי אַ פרעג־געטהון: וואו איז אַש? מיר האָבען דאָך פערלאַנגט אַש׳ן... האָבען זיי שוין מיך אויך בעטראַכט. ערשט איך בין דעם „פריאָם" דורכגעגאַנגען, געפעלען געוואָרען, אַ „מאַלאָדיעץ", אָבער נאָמבערג — ווי אַזוי וועלען זיי זיך ווייזען מיט איהם פאַר די גוראַ־הומאָרער יודען? זיי ווילען אַש׳ן — אַ הויכער, אַ ברייט־פלייציגער... נאָמבערג האָט זיך דערפיהלט שרעקליך בעלייידיגט, זיינע גרויסע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט כעס אויף אָט דעם קאָמיטעט... האָב איך אויך נישט געשוויגען. עס האָט מיר שרעקליך פערדראָסען, האָב איך זיך צעשריגען: „וואָס מיינט איהר עפעס? נאָמבערג איז אַן גרויסער שרייבער, פונקט ווי אַש, און וואָס הייסט עס, איהר וואַרפט זיך מיט מענ׳שען"... און איך האָב אַ סטראַשע־געטהון צו פאָהרען צוריק...

דערהערט, אַז מיר ווילען פאָהרען צוריק, האָט זיך דער קאָמיטעט שוין דערשראָקען, זיך גענומען פערענטפערן: יאָ, זיי האָבען געוואָלט אַש׳ן, ווייל אַש איז פּאָפּולער אין שטעדטעל און נאָמבערג׳ן מיט מען נישט אַזוי גוט.

— וועלען אייערע יודען ערשט זיך דערוויסען, ווער נאָמבערג איז... — האָב איך זיי פערגעוואָגט...

און כך־הוה: נאָמבערג האָט מיט אַ רעפעראַט וועגען דער קאָנפערענץ אַזוי אויסגענומען, אַז די פשוט׳ע גוראַ־הומאָרער יודען זענען שוין געוואָרען נאָר איבערנעטעהרטע. זיי האָבען נאָך אַזאַ רעדנער קיינמאָל נישט געהערט, „אין דווקא נישט קיין געוויקסיגער"...

האָט איך שוין נאָך נאָמבערג׳ס רעדע אַ לייען־געטהון אַ דערצעהלונג, און אויך שטאַרק אויסגענומען. האָב איך זיי געגעבען אַ צולאַג נאָך איינע און אַ פאָר לידער, און דער אָוונד איז דורכגעגאַנגען מיט גרויס ערפאָלג... מיר האָבען נאָך זוכה געווען צו אַ באַנקעט, וואָס איז גלייך נאָכ׳ן אָוונד אימפּראָוויזירט געוואָרען. און דער „קאָמיטעט פון דריי", וועלכער האָט זיך געשראָקען פאַר אַ סקאַנדאַל פון די גוראַ־הומאָרער בעלי־בתים, וואָס מען האָט אָנשטאָט רחל׳ען זיי געגעבען לאהי׳ן, האָט גאָר אָנגעקוואָלען, וואָס דער אינצידענט איז נישט נאָר אריבער גלאַט, נאָר, אדרבא, קיינער האָט רחל׳ען, אַש׳ן הייסט עס, נישט געפאָדערט. נאָמבערג אַליין איז שוין געוואָרען דער שענער, דער קלוגער און דער בעליבטער.

ווען מיר אויך מאָרגען געווען געסט פון דעם גוראַ־הומאָרער אינטעליגענט און שריפטשטעלער, ד״ר קיסמאַן (נישט פערבייטען, חלילה, מיט ל. קוסמאַן, וועלכער איז גאָר אַ ליטוואַק), דאַן נאָך אַ יונגערמאַן, אַ ווינער סטודענט, איז ער געווען צו־נאַסט אין דער היים, ביי זיין רייכען פאָטער אין אַ פאָלוואַרק אַרום גוראַ־הומאָרע; דער פאָלוואַרק, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ הויכען באַרג, אַרומגערינגעלט מיט וועלדער, טייכען און מיט אַלערליי „נאַטור־שענקייטען", האָט ווי פערכישוף׳ט... האָט אונז ד״ר קיסמאַן אַרויפגעפיהרט אויף אַ באַרג, און ערשט דאָרט האָט זיך פאַר אונז ענטפּלעקט אַ בעצויבערענדיגע געגענד, אויף מיילען ווייט...

נישט־קוקענדיג, וואָס ד״ר קיסמאַן איז געווען אַ סטודענט און אַ זוהן פון אַ יודישען פריץ, געוואוינט אין אַ גרויס שען הויז, ווי אַ פּאַלאַץ, איז ער דאָך געווען אַ פיהרער פון די יודישע אַרבייטער אין בוקאָווינע, אַ הייסער אַנהענגער פון יודיש און האָט פערמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק, אַלערליי יודישע פעריאָדישע אויסגאַבען פון אַמעריקא. דערזעהן אַזאַ אוצר, האָב איך פערגעסען אָן די שענע בערג און געגומען בלעטערן העפטען פון דער דאַמאָלסדיגער ניו־יאָרקער „צוקונפט"... ערשט איך האָב געפר־נען דאָרט מיינע אַ דערצעהלונג „דער פרומער". און דער פריינדליכער ד״ר קיסמאַן האָט מיר פערשפּראָכען די דערצעהלונג, פון וועלכער איך האָב קיין קאָפּיע נישט געהאַט, איבערצושרייבען, וואָס ער האָט דערפילט אין אַ פאָר וואָכען אַרום און מיר צוגעשיקט קיין קראָקא.

פון דעם דעמאָלסדיגען טור איבער גאַליציע איז מיר געבליבען אין זכרון אַ רייזע אונזערע קיין סטרי. קיין סטרי האָט פרץ נישט געוואָלט פאָהרען וואַלבעפערט, נאָר ער און אַש... אַ תירוץ — קיין געלד נישט געווען אויף הוצאות פאַר אַלעמען. אמת איז עס אפשר געווען, ווייל ל. כאַזאַנאָוויטש איז אפשר געווען אַ טיכטיגער אימפרעסאַריאָ, און אונזערע פאָרלעזונגען אין די גאַליצישע שטעדט, ווי דראָהאָביטש, פּאָרוכלאַוו, טאַרנאָפּאָל, קאָלאָמיי, האָבען אַדאַנק זיין אימפרעסאַרישער טעטיגקייט, געצויגען פולע הייזער, אָבער קיין פּראָפיטען, וואָס האָבען געזאָלט געהן פאַר אַ שטענדיגער קאָנפערענץ־ביוראָ, וואָס האָט זיך געגרינדעט אונטער דער לייטונג פון ד״ר נתן בירנבוים, זענען נישט געבליבען. די הוצאות זענען געווען צו־גרויס. מיט פרצ׳ן איז מיטגעפאָהרען זיין פרוי און האָט אויף איהם אויפגעפּאַסט ווי אַ מוטער אויף אַ בן־יחידל... געקיכעלט איהם און געמאַכט פאַר איהם אין צימער פון יעדען האָטעל די שענסטע מאכלים, צו וועלכע ער איז געווען געוועהנט, איבערהויפּט אַזאַ ספּעציעלע קאַווע מיט שמאַנט, וואָס זי אַליין, די געטרייע מאַדאַם פרץ, האָט אויסגעפונען לויט זיין געשמאַק... אויך שלום אַש איז נישט געווען פון די, וואָס ווילען און קאָנען אָפּקומען אויף דער וועלט. איז טאַקע פאַר אַלעמען נישט געווען אויף הוצאות צו פאָהרען קיין סטרי. האָט עס געהייסען, אַז פרץ און אַש פאָהרען אויף זייערע אייגענע הוצאות...

געקומען, איך און נאָמבערג, אויפ׳ן וואָקזאַל מיטצופאָהרען קיין סטרי, זאָגט אונז פרץ נאַ, אַז מיר ביידע וועלען נישט פאָהרען: נישטאָ קיין געלד. נאָמבערג האָט עס גענומען פילאָסאָפיש — נישט, איז נישט. איך אָבער בין געוואָרען אַ צעקאָכטער: וואָס הייסט עפּעס אָהן אונז? און דערצו האָב איך געפיהלט, צי געוואוסט, אַז אין סטרי וועט זיך קעהרען אַ וועלט. אַז סטרי איז זעהר אַ וואַרעמע שטאָדט, האָט מען אונז שוין דערצעהלט נאָך פריהער...

האָב איך גענומען אַניטירען נאָמבערג׳ן:

— וואָס הייסט עס? — פרץ און אַש יאָ, און מיר נישט? ס׳איז אַ בעליידיגונג. מיר מוזען פאָהרען. אין סטרי וועט זיין, האָב איך געהערט, „ליהודים" — חיי־געלעבט...

— נו, נו, אדרבא, לאָמיר פאָהרען... אָבער געלד, נאַרעלע; וואו איז געלד...

און מיר ביידע האָבען אויסגעזוכט ווי סערוואַנטעס׳עס צוויי העלדען, און ער דווקא דער דאָן קישאָט און איך דער סאַנטשאָ־פּאַנטשאָ, אָדער ווי נאָמבערג׳ס אייגענע העלדען, ער — „שלומ־מזל" און איך דער צווייטער, הגם מיט „שכר" בין איך נישט געגאַנגען. אין דעם זין פון קעמפּען פאַר׳ן אמת, בין איך אין יענעם מאָמענט געווען מעהר ערהליך, דוכט מיר, צו דאָן־קישאָט׳ן.

אָבער קיין סך צייט צו טראַכטען איז נישט געבליבען. פרץ און אַש זענען שוין אַריין אין וואַגאָן. אַש האָט זיך געזעגענט מיט אונז מיט אַ שמייכעלע, ווי איינער זאָגט: מיר וועלען זיך שוין זעהן אין אַן אַנדער שטאָדט... אויך פרץ האָט אונז האָוליוונגעריש צוגעשמייכעלט. דאָס האָט מיך נאָך מעהר אויפגעקאָכט...

בין איך שנעל צוגעגאַנגען צו אַ יונגערמאַן, אַ בעקאַנטער פון דער קאָנפערענץ:

— איהר האָט געלד?

— וויפיל? — האָט יענער, אַ חסיד פון מיר און נאָמבערג׳ן, גרייט צו העלפען, אונז געפרעגט.

— קויפט אונז צוויי בילעטען קיין סטרי...

— דאָס אין־גאַנצען!... — האָט זיך דער יונגערמאַן אָנגעכאַפּט, איז צוגעגאַנגען צו דער קאַסע און שנעל אונז געקויפט צוויי בילעטען.

צו דאַנקען איז שוין קיין צייט נישט געווען. נאָמבערג האָט מיך געריהמט:

— רייזען, דו ביזט אַ העלד.

ערשט האָבענדיג די בילעטען, האָט זיך איהם אַליין שטאַרק פערוואָלט צו פאָהרען קיין סטרי...

אַריין אין וואַגאָן, און דווקא אין דעמזעלבען, וואו פרץ און אַש זענען געזעסען, האָב איך זיי אָנגעקוקט טראָציג, ווי אַ זיגער. נאָמבערג האָט קלוג געשמייכעלט...

. זיי ווידער, פרץ און אַש, האָבען אונז אָנגעקוקט ערשטוינט, פונקטאַנגען האָבען מיר זיך גענומען...

ענדליך האָט זיך פרץ ברייט און גליקליך צעשמייכעלט:

— נו, אַז איהר פאָהרט אויף אייגענע הוצאות, זענט איהר אָנגעלעגטע געסט...

— אוודאי אויף אייגענע הוצאות... ווי דען? — האָבען מיר זיך גע׳יחסנ׳ט...

צי האָבען מיר דעם יונגענמאַן שפּעטער בעצאָהלט, קאָן איך איצט געוויי נישט דערצעהלען, נאָר כיי־הי איז דאָס געווען אין אַ טראָגיגען שפּאַס, און דער יונגערמאַן איז גראָד געווען אַ רייכער, אַלעמאַלס, נישט קיין אָרימער. און ער האָט פון דער הלוואה הנאה־געהאַט...

אין סטרי האָט טאַקע געקעהרט וועלטען... אויפ׳ן באַנהויף, ביי אונזער אָנקומען, האָבען מיר דערזעהן פאַר זיך אַנ׳עס־רב, אַן די טויערן... איך האָב געמיינט, אַז עס קומען פאַר אומרוהען אין שטאָדט, האָב איך ביי אַ יודען אַ פרעג־געטהון:

— ר׳ יוד, וואָס בעדייט עס דער גרויסער עולם דאָ?...

— דאָס זענען מיר מקבל־פנים די פיר גרויסע יודישע שרייבער, — האָט ער פרום געענטפערט.

איך האָב זיך אַ פערשעמטער אָבגעטראָגען אָן אַ זייט. צווישען די פיר האָט ער אפשר אויך מיך גמיינט... —

נעהענדיג פון באַנהויף אין שטאָדט־אַריין, צו אונזערע שוין פון פריהער דורך דעם קאָמיטעט בעשטעלטע וואוינונגען פאַר אונז, און ס׳רוב אין פּריוואַטע הייזער, האָבען מיר אין די פענסטער געזעהן אויסגעשטעלט גרויסע גע׳כתיבה׳טע אותיות: „ברוכים הבאים!" האָבען מיר שוין געוואוסט, אַז דאָס מיינט מען אונז...

די פאָרלעזונג איז פאָרגעקומען אין איינעם פון די שענסטע סטריער זאַלען. דאָס פּובליקום איז בעשטאַנען פון דער יוגענד, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען מיידלעך שענהייטען. איבערהויפּט די פאַמיליע וואַגנער. איין שוועסטער איז געווען אַזאַ שענהייט, אַז נישט צו פערלי־בען זיך אין איהר האָט מען געהאַרפט זיין דער קאַלטסטער מענש. אָבער צו אַש׳ס גליק האָט זי זיך שיער נישט פערליבט אין איהם... אָבער די צווייטע שוועסטער איהרע איז אויך נעווען נענוג שען, האָב איך זיך שוין שיער נישט פערליבט אין איהר. דערצו איז נאָך געווען אַ פאַמיליע סאַץ, אַ הויכאינטעליגענטע, אַ ברודער און צוויי שוועסטער, וואָס האָבען אויף אונז אויפגעפּאַסט טאַקע ווי פרידיגע אָו, שוועסטער.

דער „יוגענד" אַליין האָט זיך אויסגעצייכענט מיט גרויס פייערליכקייט און התלהבות. ווען אַש איז אַרויסגעטרעטען פאַר׳ן פּובליקום, האָט איהם דער יונגער עולם, איבערהויפּט די מיידלעך, פערוואָרפען מיט בלומען. האָב איך שוין געטראַכט, אַז פאַר מיר וועט קיין איין בלימעל נישט בלייבען. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז סטרי האָט פערמאָגט אַ סך בלומען, און אויך מיך האָבען די מיידלעך נישט געשוינט און געוואָרפען אויף מיר בלומען פון דער פולער האַנד... איין בלום האָט מיך געטראָפען אין מאַמע הארץ...

אַ,ויך מאָרגען האָבען מיר געוואָלט אַוועקפאָהרען לויט די טעלעגראַפישע בעפעהלען פון אימפּרעסאַריאָ ל. כאַזאַנאָוויטש אין אַנ׳אַנדער שטאָדט — אָבער וואו? ווען? די שטאָדט סטרי לאָזט נישט... וועלען וואָלטען זיי אַלע וועלען, אַז מיר זאָלען שוין אינגאַנצען בלייבען אין סטרי; נאָר אַזוי ווי אַזוינס איז דאָך אוממעגליך, איז, לכל־הפּחות, נאָך אַ טאָג...

אַ ברירה האָבען מיר געהאַט! און עס האָט זיך טאַקע נישט געוואָלט אַוועקפאָהרען פון דער ליבער סטריער יוגענד און אפילו פון די עלטערע, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט דער יוגענד.

צוויי טעג מיט צוויי נעכט איז געווען אין סטרי אמת׳ער יום־טוב, מיט טישטעכער אויף די טישען, מיט יום־טוב׳דיגע „וואַרעמעסען" און וועטשערעס, מיט געזאַנג און אפילו מיט טענץ.

אויפמערקזאַמקייט האָט מעהר פון אונז אַלע בעקומען — איבערהויפּט פון די מיידלעך — שלום אַש. אָבער מען האָט צו זיי קיין טענות נישט געקאָנט האָבען, און קיין פּאַראיבעל — אַוודאי נישט. אַש איז דעמאָלט געווען אין זיין פולען גלאַנץ און געפיהרט האָט ער זיך אַהן סאַפּריזען. פערקעהרט, ער איז געווען זעהר גוטמוטיג, האַרציג און אָבגעשאַצט אויף אַ שענעם, בעשיידענעם אופן די פייערליכע אויפנאַהמע צו איהם.

אָבער אויך פרצ׳ן האָט נישט געפעהלט קיין געטרייישאַפט און אויפמערקזאַמקייט. געווען דווקא אַזעלכע — און פון דער יוגענד — וואָס האָבען זיך געטוליעט בלויז צו פרצ׳ן...

אויך מיך מיט נאָמבערג׳ן האָט מען, חלילה, מיט אויפמערקזאַמקייט נישט פערטיילט. אַ געוויס מיידעל, אַ שענהייט, אַ בלאָנדע, האָט זיך אין מיר אויך אַנ׳אמת פערליבט... זי איז אָבער געווען זעהר אַ רייכע און צו אַריסטאָקראַטיש. פונדעסטוועגען האָב איך איהרע געפיהלען אָבגעשאַצט און איך האָב זי מיט קיין געשפּרעכען נישט פערנאַכלעסיגט, און אפילו איינמאָל, ווען ס׳איז געווען אַ געלעגענהייט, אונטער פיר אויגען, אַ שטאַרקען, הייסען קוש געגעבען. זי איז געווען מיט דעם טראָגען קוש גליקליך איבערראַשט.

נישט אַזוי רעש׳יג, אָבער אויך מיט גרויס ערפאָלג זענען דורכגעגאַנגען די איבעריגע פאָרלעזונגען אין די אַנדערע שטעדט, ווי דראָהאָביטש, באַריסלאַוו, טאַרנאָפּאָל, כטאַניסלאַוואָוו.

אין באַריסלאַוו, וואו עס האָבען זיך דאַן געפר־נען אַ סך רייכע און פאָלגליך אַסימילירטע יודען, איז אין אָנפאַנג דער אויפנעהם געווען אַ קאַלטער... „נאַ צאַ נאַם טען זשאַרגאָן?" (מיטן טראָפּ אויף דער ערשטער זילבע — זשאַר־גאָן...), האָבען איינינע געסט, איידער די פאָרלעזונג האָט זיך אָנגעהויבען, געמורמעלט, הגם געקומען זענען זיי יאָ.

האָט עס דערפאָהרען פרץ.

ווען דידאָזיגע רייכע דאַמען און הערען זענען שוין געווען אויסגעזעצט אין די ערשטע רייהען אין דעם זאַל און עס האָבען אַראָבגעפינקעלט פון זיי, איבערהויפּט פון די דאַמען, זייער צירונג, די רינגען פון די הענד, די פערל און די קייטען אויף די דיקע קלאָרע העלזער, האָט פרץ, וועלכער איז געווען דער ערשטער אויפ׳ן פּראָגראַם, אָנגעהויבען זיין רעדע.

ער האָט אויסגעזעהן דאַן ווי אַ נביא... פון זיין מויל האָט ער געוואָרפען פונקען... ער האָט גענוידעלט, אָדער, איידעלער, געטאַדעלט, די אינטעליגענטיש־נאַרישע אַריסטאָקראַטיע פאַר איהר בעציהונג צו יודיש, זי פערגליכען צו פערהעלסטע בלעטער אויף אַ בוים, אין דער צייט, ווען דער שטאָם איז פריש און זאַפטיג און די וואָרצלען זענען טיף... ער האָט אין בוכשטעבליכען זין געשווימט מיט אַפאָריזמען, געדראַנסען אין שטראָהרייך, ווי אַנ׳עמוס, ווי אַ מיכה... איך זאָג געשווימט אין בוכשטעבליכען זין — פון ביידע ווינקלען אַרום די ליפען האָט געפּלאַסען אַ ליכטיגער, שטראַהלענדיגער שוים...

איך האָב געמיינט, אַז דאָס רייכע פּובליקום וועט בייז ווערען, דיך בעלייידיגען, אָבער וואו? ווען? אַליין איבערראַשט פון דערהאָזיגער פרצ׳ס גלענצענדער רעדע אין פאָרם און אינהאַלט, אין פּאַטאָס און שוואונג, זענען זיי נאַכדעם, ווען ער איז אַ בייזער ווי אַ נביא אַראָב פון דער בימה — געוואָרען מילד ווי שאָף... האָב איך שוין אויך דערנאָך פון געגאָסען. מיין דערצעהלונג, וואָס איך האָב פאָרגעלעזען נאָך פרצ׳עס רעדע, האָט ווי גאָר ענטציקט... זיי האָבען ביי די הומאָריסטישע שטעלען שטאַרק און מיט הנאה געלאַכט און איך נישט נאָר נישט געשעמט, וואָס זיי פערשטעהן יודיש, נאָר שוין אָפען דעמאָנסטרירט, אַז אדרבא, זיי קאָנען אַלע יודיש און האָבען יודיש שטאַרק ליב...

נאָך דער פאָרזעלונג איז גלייך אימפּראָוויזירט געוואָרען, מאַקע אין זעלבינען לאָקאַל, וואו די פאָרלעזונג איז פאָרגעקומען — אַ גרויסאַרטיגער רייכער באַנקעט, מיט שאַמפּאַניער. אַלע אָנוועזענדע, ביז דעם גרעסטען און רייכסטען אַסימילאַנט, האָבען גערעדט נאָר יודיש, זיך צוגעשמייכעלט צו פרצ׳ן, צו אונז און אויסגעדריקט זייער התפּעלות פון דער יודישער שפּראַך און ליטעראַטור, פון וועלכער זיי זאָגען־צו צו בלייבען אָנהענגער.

צי האָבען זיי געהאַלטען וואָרט?

אונז האָט געפרעהט צו הערען, אַז באַריסלאַוו האָט זיך גענומען צו יודיש, און נישט נאָר די אַרבייטער־מאַסען, וואָס יודיש איז אַלעמאָל זייער טייער געווען, נאָר אפילו די רייכע, די אַסימילירטע און די אינטעליגענץ איז געוואָרען יודישיסטיש. עס האָט זיך געעפענט אַ יודישע ביבליאָטעק און מען האָט געלייענט פלייסיג יודישע ליטעראַטור.

איז דאָס אוודאי דעמאָלט געווען אַ גרויסער נצחון... אויב מיר האָבען גענומען די באַריסלאַווער פעסטונג, וועלען מיר אַנדערע פעסטונגען אויך נעהמען און מיר האָבען טאַקע גענומען אַ פעסטונג נאָך אַ פעסטונג.

אונזער וואָפען איז געווען דאָס יודישע וואָרט, די יודישע שפּראַך, וועלכער די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט געגעבען גרויס פּרעסטיזש.

איהרע אָנטיילנעהמער זענען זיך צעפאָהרען מיט בעגייסטערונג און האָבען דורך וואָרט און שריפט פערשפּרייט די אידעע פון יודיש, די אידעע פון לערנען זיך פון פאָלק און בעלערנען דאָס פאָלק צוריק אויף זיין שפּראַך. אין דעם זין איז דער יודישיזם, ווי מען רופט עס איצט, מעהר ווי אַ בעוועגונג צו אָנערקענען יודיש אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאָר ווי אַ בעוועגונג פאַר אָנערקענען די רעכט פון די מאַסען, אין אַלע הינזיכטען — פּאָליטיש און סאָציאַל.

דערפאַר וואָלען איצט דערמאָהנט ווערען יענע אָנטיילנעהמער אין דער קאָנפערענץ, וואָס זענען נאָך דאַן נישט אַזוי בעוואוסט געווען און זענען ערשט שפּעטער בעריהמט געוואָרען, ווי משה לייב האַלפּערן, דאַן נאָך אַנ׳אָנפאַנגער; משה מייטש, וואָס איז געקומען פון בעסאַראַביע, וואו ער איז געווען אַ לעהרער, און אויף דער קאָנפערענץ געווען בלויז אַ גאַסט, אמת, אַ ליבער און אָנגעלעגטער גאַסט; מ. בירנבוים, אַ פעדאַגאָג און איינער פון די פּיאָנערען פון דער יודישער שול אין וואַרשא, איז, הייסט עס, אויך די אידעע פון דער יודישער שול געווען רעפּרעזענטירט אויף דער קאָנפערענץ.

און אויך אָט די אידעע איז שוין פערווירקליכט געוואָרען אין סאָוויעטן־פערבאַנד — דורך דער מלוכה, און אין אַנדערע לענדער — דורך שווערע קאַמפן אין ראַנגלענישען פון דער בעסערער יודישער אינטעליגענץ און פון די יודישע פאָלקס־מאַסען.

ש. הירשהארן

דער קריזיס פון סאציאליזם

אין פאריז איז פארגעקומען דער קאנגרעס פון צווייטען סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל. ווי דער שטייגער איז, האט מען געהאלטען פיל לאנגע רעדעס, מען האט זיך געאמפערט, דיסקוטירט צווישען זיך און לסוף אנגענומען פשרה־דיגע רעזאלוציעס, כדי נישט צו שטערען די איינהייט פון די פארטייען.

צי האט מען אבער בעצייכענט ריכטיג דעם קריזיס, וואס דער סאציאליזם לעבט איצט איבער און צי האט מען אנגענומען געהעריגע מיטלען, כדי איהם צו בעקעמפען?

דער ענטפער קלינגט זעהר צווייפעלהאפט, ווייל דער חולה פערשטעהט זיך, געוועהנליך, נישט אויף זיין אייגענער קרענק און קאן, א פשיטא, שוין נישט ווערען זיין אייגענער רופא.

אין וואס בעשטעהט דער קריזיס פון סאציאליזם? א פאליטישע פארטיי קאן אויפבויהען דורך איינע פון די צוויי פאלגענדע מיטלען: דורך רעוואלוציאנערע אדער דורך פארלאמענטארישער טעטיגקייט. דער סאציאליזם האט אבער פערנאכלעסיגט ביידע מיטלען, הגם די אויסערליכע בעדינגונגען זיינען פאר איהם געווען זעהר גינסטיג. די מלחמה האט זיך געענדיגט. דאס בירגערטום איז געווען דעזארגאניזירט, די פאלקס־מאסען זיינען געווארען זעהר אויפגערעגט. מען האט זיי צוגעזאגט נאך דער מלחמה הרים ונבעות און ס'האט זיך דערפון אויסגעלאזט א בוידעם. די נויט איז געווארען נאך גרעסער, ווי פאר דער מלחמה. די סאציאליסטען האבען דעריבער לייכט געקאנט איבערנעהמען די הערשאפט, בפרט, ווען די בירגערליכע רעגירונגען האבען זיך בעת דעם קריג צו זיי דערנעהנטערט, כדי אראבצוווארפען פון זיך א טייל פעראנטווארטליכקייט. —

אבער טאקע דאס איז געווען פאר'ן סאציאליזם א טויט־קלאפ. פון איין זייט האבען זיך די סאציאליסטישע פיהרער צוגעוואוינט צו די ווייכע בענקלעך און פערלוירען זייער פריהערדיגען רעוואלוציאנערען מוט. פון דער צווייטער זייט האבען זיי מורא־געהאט פאר קאמפראמיטאציע און אבגעווארפען די הערשאפט אפילו דאן, ווען זי האט זיך אליין געשטופט אין די הענד אריין. אויף דעמאזיגען באדען איז אויסגעבראכען א העפטיגער קאמף אין מארקסיסטישען לאגער. די מארקסיסטען, וואס האבען זיך פריהער אלע אנגערופען „סאציאליסטען", האבען זיך איצט צעטיילט אויף קאמוניסטען און סאציאליסטען. די ערשטע האבען גערעכענט אויפ'ן כח פון דער ארבייטערשאפט, און די צווייטע — אויפ'ן כח פון בירגערטום, וואס וועט זיי שטיצען דורך פרי־ווילעניעס, כדי נישט צו דערלאזען צו א דיקטאטור פון פראלעטאריאט, ווי דאס איז געשעהן אין סאוויעט־רוסלאנד. שוין דיזאיגע חילוקי־דעות אליין צווישען די מארקסיסטען האט אריינגעבראכט א דעמאראליזאציע אין די מאסען און האט אבגעשוואכט דעם אמאליגען פרעסטיזש פון סאציאליזם. די רעאקציע האט איינגעזעהן, אז די צוויי צעקריגטע אינטערנאציאנאלען: דער צווייטער (סאציאליסטישער) און דער דריטער (קאמוניסטישער) זיינען „ריזען אויף הילצערנע פיסלעך", לפנים'דיגע גלית'ען, וואס מען קאן לייכט בייקומען מיט א קליינעם פיילענבויגען.

דער פרוב פון געוויסע פערמיטלער שלום צו מאכען צווישען סאציאליזם און קאמוניזם האט זיך נישט איינגעגעבען, ווייל דאס זיינען געווארען צוויי קעגענגעזעצטע שיטות, וואס ס'איז זיי אוממעגליך צו פעראייניגען דורך א פשרה־פראגראם. פאר'ן סאציאליזם איז דעריבער געבליבען איין וועג, כדי זיך צו ראטעווען: פערשטענדיגען זיך מיט דעם בירגערליכען פארטשריט און בעמיהען זיך, צוזאמען מיט איהם, איבערצונעהמען די מאכט, אדער, ווייניגסטענס, וועגען געמיינזאם צו קעמפען. דערויף האבען זיך אבער ענטשלאסען נאר איינגע סאציאליסטישע פארטייען, און אפטמאל האבען אויך זיי זיך צוריקגעצויגען פון אזא אבמאך. אזוי איז, למשל, געשעהן מיט די פראנצויזישע סאציאליסטען, וואס האבען לכתחילה געמאכט מיט די ראדיקאלען (בירגערליכע דעמאקראטען) יד־אחת און אבגעהאלטען א וואהל־נצחון אלס „לינקער קארטעל". די געמיינזאמע פראגרעסיווע רעגירונג איז גיך געפאלען צוליב דעם צוריקטריט פון די סאציאליסטען. דאסזעלבע אומגעפעהר איז געשעהן אין ענגלאנד, וואו די „לייבור־פארטיי" האט זיך נישט געקאנט לאנג איינלעבען מיט די ליבעראלען. און אט האבען אין די ביידע גרויסע מלוכות, וואס דיקטירען זייער ווילען גאנץ אייראפא, געזיגט די קאנסערוואטיווע פארטייען. דאס האט זיך אבגערופען סיי אויף דער אינערליכער, סיי אויף דער אויסערליכער פאליטיק פון דיזאיגע לענדער.

אין דייטשלאנד איז די סאציאל־דעמאקראטיע, אמת, געווען א ביסעל פראקטישער: זי האט יא געוואלט ארבייטען צוזאמען מיט דעם פראגרעסיווען בירגערטום, אבער דארט איז אזא בירגערטום ווייניג לעווען במציאה. דאס דייטשע בירגערטום איז אין משך פון א לאנגער צייט געווען ערצויגען אין נאציאנאליסטישען און מיליטאריסטישען גייסט און ס'איז געווען שווער עס דערפון אבצוגעוועהנען. דאס וואלט אפשר געווען מעגליך, ווען די לינקע רעגירונג וואלט אבגעהאלטען נצחונות אויפ'ן געביט פון דער אויי־ די דייטשע בעפעלקערונג געווען שטארק אונטערגעהעצט דורך די שאוויניסטען און איהר אפעטיט איז געוואקסען צוזאמען מיט'ן עסען. וואס מעהר הנחות מען האט איהר געגעבען, אלץ מעהר האט זי פערלאנגט.

סעריליכער פאליטיק. אבער פון איין זייט האבען די סאציאליסטען פון דייטשלאנד נישט געקאנט פיל אויפטוהן מיט די קאנסערוואטיווע אין פראנקרייך און ענגלאנד, פון דער צווייטער זייט איז א חוץ דעם זיינען די דייטשע סאציאליסטען בעגאנגען שווערע פעהלערן אויפ'ן עקאנאמישען געביט. זיי האבען פיל געווארנט פאר דער ארבייטער־מאסע, פערשטעהענדיג אונטער אזעלכע נאר די, וואס האבען שוין געהאט ארבייט. פאר זיי האט מען געפאדערט הוספות, געגרינדעט קראנקען־קאסעס. זיי האט מען פערווארנט אויף דער עלטער און אין פאל פון אונפעהיגקייט צו ארבייטען. דאגעגען האט מען לגמרי פערגעסען און עס וואקסט־אויס נאך א גרעסערע מאסע ארבייטסלאזע, א מאסע, וואס געהט אין די מיליאנען און פאר וועלכער מען טהוט אזוי גוט ווי גארנישט.

אויך דאס קליינבירגערטום אין שטאדט און דארף האט מען שטארק פערנאכלעסיגט. קיין אגראר־רעפארם האט מען נישט דורכגעפיהרט; דעם סוחר און האנדווערקער האט מען אומגליקליך געמאכט דורך עטאטיזם. דאס, וואס עס האט ביי איהם נישט צוגענומען דער גרויס־אינדוסטריעלער (דער פאבריקאנט), האט ביי איהם צוגענומען די מלוכה. און נישט קיין ברויט, נישט קיין ארבייט האט מען איהם נישט געגעבען. אזוי־ארום איז ענטשטאנען דער נאציאנאל־סאציאליזם, וואס האט שפעקולירט אויף די אונצופרידענע קלאסען: אויפ'ן קליינבירגערטום און די ארבייטסלאזע. די היטלער־לייט האבען צוגעזאגט סיי נאציאנאליזם, סיי סאציאליזם: בעפרייאונג פון „יאך" פון די „פרעמדע", די זיגער־אונג עבען ארבייט. דער פערהעצטער און דער הונגעריגער איז לייכטגלויביג, בפרט ווען מען שפילט אויף זיינע חיה'שע אינסטינקטען: אויף דער שנאה צום פראנצויז, צום פאליאק און צום יוד. אזוי איז אויסגעוואקסען די היטלער־פארטיי, וואס האט פריהער געזיגט ביי די וואהלען, דערנאך פערכאפט די ממשלה דורך איבערראשונג. נאטירליך, וועט היטלער אבנארען זיין עולם און ענדליך פאלען. אבער ווען דאס וועט געשעהן, איז אוממעגליך פאראויסצוזעהן און מען טאר זיך דערויף נישט פערלאזען.

דעריבער איז די וויכטיגסטע אויפגאבע פון סאציאליזם צו דערהאלטען די דעמאקראטישע מלוכה־פארם אין אזעלכע לענדער, וואו זי עקזיסטירט נאך. אויפ'ן קאנגרעס אין פאריז האבען זיך צוזאמענגעשטויסען צוויי שיטות: איינע האבען געהאלטען, אז די ישועה פאר'ן סאציאליזם וועט קומען דורך שאפען אן איינהייטליכען ארבייטער־פראנט, ד. ה. דורך דער צוזאמענארבייט פון סאציאליסטען און קאמוניסטען. אנדערע זיינען געווען ביי דער מיינונג, אז נאר א פשרה מיט די פראגרעסיווע בירגערליכע קרייזען קאן ראטעווען דעם סאציאליזם פון אונטערגאנג. די מעהרהייט האבען בעקומען די אנהענגער פון דער צווייטער שיטה, וואס ס'איז, לויט אונזער מיינונג, זעהר דערפרעהענדיג. אבער צי וועלען די פארטייען אין פערשידענע לענדער פאלגען דעם צוזאמענפאהר און בעווייזען פראקטיש צו פערווירקליכען זייערע רעזאלוציעס? — דאס איז א וויכטיגע פראגע נישט בלויז פאר דער ארבייטערשאפט, נאר פאר דער גאנצער פראגרעסיווער געזעלשאפט, בעזונדערס פאר דער יודישער דעמאקראטיע.

יעדער לעזער מוז עס וויסען!

פון היינט אן קען יעדער האבען די מעגליכקייט צו לייענען די בעסטע ביכער אין פויליש, יודיש און העברעאיש אהן שום קויציע, פאר א קליינעם אבצאהל פון 1 זל. א חודש. די דאזיגע גוטע בשורה זאגט אייך אן די בערימטע ביבליאטעק „לעקטורא" (געוו. א. ברעסלער), נאוואליפקי 5.

געדענקט, אלזא, אז איהר קענט אהן קויציע לייענען טויזענדער ביכער, פון די עלטסטע ביז די סאמע נייעסטע.

א חוץ דעם א פרעמיע: אויף שבת און זונטאג בעקומט יעדער לעזער א צווייט בוך צום לייענען אומזיסט.

א לעפעל פאליטיק

[פאליטישע בריוולעך צו א פריינדין]

די לאגע אויפ'ן ווייטען מזרח

די פעראינטערעסירונג אין דער גאנצער וועלט איז איצט געווענדעט פון איין זייט אויפ'ן דאלאר און אויפ'ן פלאן פון פרעזידענט רוזוועלט צו ליקווידירען דעם קריזיס אין אמעריקא, און פון דער צווייטער זייט — אויפ'ן קאמף, וועלכער שפילט זיך אב אין אייראפא צווישען איטאליען און פראנקרייך וועגען דער העגעמאניע אויף דער אינטערנאציאנאלער פאליטישער ארענע.

יעדער וויל ארויסרייסען ביים צווייטען די בכורה, מען וויל איינער דעם צווייטען אונטערשטעלען א פיסעל, און דערווייל טומעלט זיך, עס פליהען דעפעשען, נאטעס, מען שרייבט גאנצע עמודים וועגען דעם, כאטש קיינער איז נישט אויסשטאנד צו וויסען, וואס פון דעם קאמף וועט ארויסקומען.

דערווייל אבער האט מען אינגאנצען פערגעסען אן דעם ווייטען מזרח, אן דעם קאמף צווישען כינא און יאפאן, צווישען יאפאן און אמעריקא, און צווישען דעמזעלבען יאפאן מיט סאוויעט־רוסלאנד..

שטיל און כמעט אומבעמערקט איז אדורך די ידיעה, אז יאפאן האט בעגייט איהר אפענסיווע אין כינא, אז יאפאן איז מבטל דעם אבמאך וועגען פלאט מיט אמעריקא און אז די געשיכטע מכח דער מזרח־כינעזישער באהן, וועלכע סאוויעט־רוסלאנד וויל פערקויפען און יאפאן וויל צונעהמען בחנם, פלאנטערט זיך.

עס איז נישט קיין נייעס, אז די בעציהונגען צווישען יאפאן און אמעריקא זיינען אנגעשטרענגטע. די פערשטארקונג פון יאפאנ'ס איינפלוס אויפ'ן פאציפיק לאזט נישט רוהען דעם „אנקעל סעם". דא האנדעלט זיך דאך נישט וועגען קלייניגקייטען — דא געהט אין איינעם פון אמעריקא'ס גרעסטע אבזאץ־מערק, דא געהט אין שווערע מיליארדען דאלאר, אויף וועלכע יאפאן האט א שטארקען אפעטיט און וועלכע אמעריקא האט נישט בדעה צו לאזען זיך ארויסרייסען פון די הענד.

ס'איז גענוג געווען, מען זאל פערעפענטליכען די ידיעה, אז דער אמעריקאנער פרעזידענט רוזוועלט האט בדעה צו געבען „ארבייט" עטליכע צעהנדליג טויזענד ארבייטסלאזע, און מיט זייערע הענד... אויסבויען א פאר פאנצער־שיפען, קרייצער־שיפען, טארפעדא־און אונטערוואסער־שיפלעך, — אז די יאפאנישע רעגירונג זאל באלד לאזען וויסען דער גאנצער וועלט, אז זי איז דערויף נישט מסכים, אז זי קאן נישט גלייכגילטיג דערצו זיך צוקוקען.

יאפאן האט ערקלערט, אז אויסערדעם וואס זי אליין נעהמט זיך אויך צום בויען א ביסעל שיפען, וועט זי זיך אויך אבזאגען פונ'ם אבמאך, וועלכען זי האט געשלאסען מיט אמעריקא בנוגע די כחות־פערהעלטנישען אויפ'ן ים. יאפאן האט ווי בעוואוסט, געשלאסען מיט אמעריקא א ספעציעלען אבמאך, וועלכער רעגולירט די צאהל קריגס־און האנדעלס־שיפען פון ביידע מלוכות. אדאנק דעמזאיגען אבמאך האבען ביידע מלוכות געזאלט אבשטעלען דעם געיעג פון ים־בעוואפנונגען. איצט אבער, ווען אמעריקא נעהמט זיך צו דער ארבייט, וויל יאפאן נישט בלייבען הינטערשטעליג.

דער דאזיגער ברום פון צעווילדעוועטען יאפאן איז נישט קיין אנזאג פון שמחות אויפ'ן ווייטען מזרח. אמת טאקע, אז די עווענטואליטעט פון א קריג צווישען יאפאן און אמעריקא איז איצט נישט אזוי נאהענט, אבער די סיבה דערפון ליגט נישט אין דער ליבע צו שלום פון ביידע מלוכות, עס געהט דערין, וואס אמעריקא האט איצט אנדערע דאגות אויפ'ן קאפ. עס האנדעלט זיך וועגען סטאביליזירען די ווירטשאפטליכע לאגע, בעהערשען דעם געלד־מארק און געבען צו עסען די מיליאנען ארבייטסלאזע. האבענדיג אזעלכע צרות אויפ'ן קאפ, קאן אמעריקא וועגען א מלחמה נישט טראכטען.

אדאנק דעם טאקע וועט אזוי שנעל צו א מלחמה צווישען אמעריקא און יאפאן נישט קומען. דערדאזיגער פאקט האט זיך אבגערופען אויך אויף די בעציהונגען צווישען יאפאן און סאוויעט־רוסלאנד, וועלכע זיינען לעצטענס געווארען זעהר שטארק אנגעשטרענגט.

סאוויעט־רוסלאנד האט געהאפט אויף דער שטיצע פון אמעריקא. מאסקווא האט זיך גערעכנט, אז אין א מאמענט, ווען עס זאל סאיט קומען צו א קריג, וועט אמעריקא זיך אפען שטעלען אויף דער זייט פון מאסקווא. איצט אבער האט זיך מאסקווא געכאפט, אז מען קאן אויף אמעריקא נישט לעגען קיין שום האפנונגען, און דעריבער האט סאוויעט־רוסלאנד געענדערט איהר פאליטיק אויפ'ן ווייטען מזרח.

דער וויכטיגסטער ענין, וועלכער שטערט די רוהע און דעם פרידען אויפ'ן ווייטען־מזרח, איז די מזרח־כינעזישע באהן, אויף וועלכען יאפאן האט א ווילדען אפעטיט און וועלכע רוסלאנד איז שוין גרייט צו פערקויפען, אבי א סוף צו מאכען צו די כסדר'דיגע קאפ־פערדרעהענישען.

מיט יאהרען צוריק האט מען דעם ווערטה פון דער באהן־ליניע אהן די בנינים, וועלכע זענען שוין אמארטיזירט, אבגעשאצט אויף 930 מיליאן גאלד־רובל. די סאוויעטישע מאכט האט תחילת געפאדערט פאר דעם אביעקט 300 מיליאן רובל אין גאלד. שפעטער האט זי זיך געלאזט ביינגען און געפאדערט „ענדגילטיג" 250 מיליאן רובל אין גאלד.

יאפאן האט זיך פאר דער סומע נישט דערשראקען און האט פון איהר זייט פארגעלעגט 50 מיליאן אין באנקנאטען, ד. ה. בערך 10 פראצענט פון דער סומע, וועלכע רוסלאנד האט געפאדערט. פערשטעהט זיך, אז רוסלאנד האט געמאכט א ברוגז'ע מינע.

אבער נאר מיר, פשוט'ע מענשען, דערשרעקען זיך פאר דעם אונטערשיד אין די פרייזען. יאפאן איז געוועהנט צו אזעלכע זאכען. די יאפאנער זיינען געבוירענע האלע־הענדלער, וואו פון ביטען ביז פערקויפען איז א חילוק פון צוויי־דריטעל פון פרייז.

אלס ענטפער אויף דעם ברוגז האט יאפאן נעפרובט ערלעדיגען דעם ענין „פרינציפיעל". מען האט אנגעהויבען זוכען יסודות, אויף וועלכע מען זאל קאנען בכלל צונעהמען ביי רוסלאנד די באהן־ליניע אהן א שענעם דאנק אפילו. ווידער האבען זיך אנגעהויבען זאמלען כמארעס אויפ'ן הימעל און ווידער האט זיך די וועלט אנגעהויבען שרעקען פאר קאמפליקאציעס.

די לעצטע ידיעות האבען אריינגעבראכט א נייע בערוהיגונג. מאסקווא „פארשט" דעם יאפאנישען פארשלאג, יאפאן חשבונ'ט נאכאמאל איבער דעם ווערט פון דער ליניע. דערווייל איז שטיל.

אמת, אז סאוויעט־רוסלאנד וויל אויסמיידען א שארפען קאנפליקט מיט יאפאן, אבער זי וועט דערביי נישט איינשטעלען איהר פרעסטיזש. פאר קיין פופציג מיליאן פאפירענע יען וועט זי די באהן־ליניע נישט פערקויפען. פערקעהרט, סאוויעט־רוסלאנד האט שוין געגעבען אנצוהערען, אז זי וועט צוריקציהען דעם פערקויפס־פארשלאג, ווייל מאסקווא האלט, אז מען קאן דערהאלטען דעם שלום אויפ'ן ווייטען מזרח, אפילו ווען די באהן־ליניע וועט נישט געהערען צו מאנדזשוקא.

יאפאן וויל אבער דווקא האבען די באהן־ליניע און טהוט אלץ, אבי אבצושרעקען רוסלאנד. אט, למשל, האט דער יאפאנישער דעלעגאט צו דער לאנדאנער קאנפערענץ, צוריקפאהרענדיג קיין טאקיא, אבגעשטאט א וויזיט אין בערלין, וואו ער האט זיך דורכגעשמועסט מיט היטלער'ן און האוגענבערג'ן. דאס הייסט געמאכט הויף־פאליטיק. זאל סאוויעט־רוסלאנד וויסען, אז אין א נויט־פאל האט נאך יאפאן מיט וועמען זיך צו פערבינדען. ווארשיינליך, וועלען ביידע צדדים דורכקומען און מאנדזשוריע, אדער קלארער גערעדט: יאפאן, וועט פאר גראשענס אבקויפען די מזרח־כינעזישע באהן־ליניע.

און איצט קומט דער שכל פון דער יאפאנישער אפענסיווע. —

פאר אמעריקא האט יאפאן קיין מורא נישט. ווי געזאגט, האט אמעריקא מיט זיך צו טהון; סאוויעט־רוסלאנד איז אויך נישט געפעהרליך. סאוויעט־רוסלאנד, כאטש זי איז, ווי מען שמועסט אמבעסטען בעוואפענט, וויל באמת נישט קיין מלחמה. צופיל ארבייט האט נאך סאוויעט־רוסלאנד ביי זיך אינדערהיים, עס זאל זיך איהר לוינען צו פיהרען איצט מלחמות; דעם פעלקער־בונד און זיין קאנטראל איבער זיך האט יאפאן אויך גע־פטר'ט. נו, האט טאקע טאקיא פרייע הענד, א סך צייט — דארף מען עפעס טהון. טהוט מען טאקע; לאזט מען זיך צוריק א נעהם־געטהון צו כינא און ווידער ארויסגעריסען א שטיקעל טעריטאריע.

אויף דיפלאמאטיש הייסט עס, אז די נייע מלוכה מאנדזשוקא דארף נייע טעריטאריעס, די בעפעלקערונג איז גרויס, מען קאן זיך קיין עצה נישט געבען, און ווייל ס'איז קיינמאל נישט שווער צו געפינען עפעס א טענה אויף א שטיקעל ערד פון א שוואכען שכן, קריכט דאס יאפאנישע מיליטער אלץ טיפער קיין כינא. קיינער וועט יאפאן נישט שטערען — דערין איז מען אין טאקיא זיכער.

ביסלעכווייז, שטופענווייז און סיסטעמאטיש ווערט יאפאן אלץ שטארקער און שטארקער, זי שפרייטסונאנדער איהר איינפלוס אויפ'ן גאנצען ווייטען מזרח, און ס'וועט נישט לאנג דויערן — און דער איינציגער בעל־הבית אויפ'ן גאנצען מזרח און הויפט־דעה־זאגער אויפ'ן פאציפיק וועט זיין יאפאן.

שמואל'יק

ד״ר י. מיליקאָווסקי

אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט

(בילדער פון דער נאָהענטער פאַרגאַנגענהייט)

מען איז אונז מקבל פנים מיט מוזיק

אין א שטוב מיט געלע ווענד און הויפענס שטרוי אויף דער פּאָדלאָגע צאַנקט א קליין לעמפּעל און וואַרפט אַן אומהיימליכע שיין אויף אַלץ אַרום. ווי א תפיסה־קאַמער זעהט־אויס די שטוב און ווי ווערים ליגען מיר אויפ'ן שטרוי. שוואַרצע שאָטענס ציהען זיך נאָך אונז נאָך, ציטערן ביי יעדער בעוועגונג אונזערער און גיסען זיך צו־גויף צוזאַמען אין משונה'דיגע אומגעלומפּערטע פלעקען. פון צייט צו צייט עפענט זיך די טיר, א דייטשער זעלנער פיהרט־אריין נאָך א פּאָר רוסישע אָפיצירען, און די שאָטענס אין צימער ווערען אַלץ געדיכטער און שוואַרצער.

דאָס זאַמעלט מען אונז צוזאַמען, כדי אַוועק־צופיהר־ען אין „פּלען".

איך בין געלעגען אייניאַם און אַליין צווישען „פרעמדע" אָפיצירען, אַליין אויך נאָר א רוסישער אָפיציר, געוואָרען מיטאַמאָל אויס דאָקטאָר, פער־לוירען איינגאַנצען מיין גלויבען און האָפנונג און געבליבען נאָר ביים רויטען קרייץ אויפ'ן אַרבעל און מיט'ן שאָטען נאָך מיר. וואָס וועט מיט דיר זיין, שאָטען מיינער? ועסטו, ווי אַ פינסטער־רער מזל זיך נאָך מיר נאָכשלעפען, ווידער וועסטו ווי אַ טרייער פריינד און חבר מיך בעגלייטען אין וועג? איך אָהן דיר וועל האָב נאָך אויס־קומען, דו אָהן מיר אָבער — זיכער נישט. אָהן מיר ביזטו דאָך אומעגליך...

אַ שאָטען־וועלט האָט מיך אַרומגערינגעלט, שאָטען־געדאַנקען האָבען געבלאָנדזשעט אין מיין האַרץ און מוח, און דעם גאַנצען, טיף אין מיר בעהאַלטענעם „ירגזון" האָב איך אויסגעלאָזט טאַ־קע צום שטומען, גאָט־די־גשמה־שולדיגען שאַ־טען מיינעם. עס איז נישט קיין וואונדער, מיינע פריינד, א ליל־שמורים איז עס דאָך געווען פאַר מיר. דאָס געבעך־לעמפּעלע האָט געוואַר־פען מעהר אומעט און שרעק, ווי ליכט און שיין, איך בין געלעגען און אַנ'אויג נישט געקאָנט צו־מאַכען, און דערצו האָט נאָך דער הונגער, ווי א קאַלטער גולן, געמאַטערט, און איז טאַקע געווען געערעכט: שוין מעהר ווי א מעת־לעת, אַז איך האָב גאָרנישט געהאַט אין מויל. עס האָט זיך מיר געוואָלט פאַר עמיצען אויסרעדען דאָס האַרץ, און דאָ בין איך עלענד ווי אַ שטיין, האָב קיינעם נישט. איז נישט קיין וואונדער, וואָס איך האָב מיין גאַנצען כעס אויסגעלאָזט צום בידנעם שאָטען מיינעם. האָט ער זיך טאַקע בע־לייידיגט און איז באַלד ביים ערשטען גוט־מאָרגען, שטיל און געלאַסען, א בלייכער פון מיר אַוועק.

פלוצלינג פראַלט־אויף די טיר און עס פאַלט א געשריי: „ראַאוס!" מיר הויבען זיך אויף פון די ערטער, שאָקלען פון זיך אָב די צוגעשטאַנענע שטרויעלעך און געהען־אַרויס אין גאַס. דאָ האָ־בען מיר דערזעהען א רייה וואַגענס, וועלכע זענען שוין געשטאַנען צוגעגרייט פאַר אונז. ווי לייטמע־נע פיגורען שטעלט מען אונז אויס צוזאַמען, מען צעהלט אונז אָב, און, ווי פעקלעך סחורה, הויבט מען אונז אָן צו לאַדעווען אין די וואַגענס.

דאָס אַלץ ווערט אָבגעטהון מיט אַזאַ געוואַלדיגען ערנסט, אַז די פערד, וואָס זענען געשטאַנען און געוואַרט, ווען זיי וואָלטען עס נור געזעהן, וואָלטען זיי זיך געווייס צעלאַכט; איך, לא־עליכם, האָב נישט געטאַרט און נישט געקאָנט לאַכען.

מיר ריהרען פון אָרט. וואוהין פיהרט מען אונז? א מלוכה־סוד איז עס, און נאָט זאָל שומר־ומציל־זיין, אַז מיר זאָלען זיך דערפון דערוויסען! איין זאַך נאָר איז קלאָר: די מלחמה איז פאַר אונז פערענדיגט, מען פיהרט אונז טיף אין דייטשלאַנד, אין „הינטערלאַנד". מיר פאָהרען — און די שווערע רעדער קלאַפּען איבער'ן האַרטען, שטיינינגען וועג. עס איז אַוועק א ביסעל צייט, און איך הויב־אָן צו פיהלען, אַז מיר ווערט עפּעס נישט גוט: איך קאָן בשום־אופן נישט אויסהאַלטען דאָס טרייסלען פון וואָגען. אַלץ טריי־סעלט זיך אין מיר, ווי אין א זאַק, צוזאַמען מיט'ן וואָגען, און די געדערים מיינע, איינגעקורטשעט און אויסגעוועהטאָגט פון הונגער, געהען פשוט דורך שבעי־מדורי־גיהנום. איך פיהל, אַז אַלץ ווערט אין מיר צעפליקט און צעריסען און אַז אָט־אָט טרייסעלט מיר שוין אויך די נשמה אַרויס

— ערלויבט מיר א ביסעל צו געהן צו־פוס — ווענד איך מיך מיט א בקשה צו מיין בעגלייטער.

— ניין, ני זינד אָפיציר אונד מיסען פאָה־רען! — בעקום איך א תשובה קורץ און שאַרף.

איך בין איהם מוחל דעם כבוד און בעט זיך ביי איהם, זאָג איהם מיט טרעהרען אין קול, אַז שוין כמעט צוויי טעג ווי איך פאַסט, אַז מיין נע לעדיגע אויסגעהונגערטע מאָגען און קישקעס קאָנען נישט פערטראָגען דאָס טרייסלען און לאָ־זען מיר נישט איינזיצען אין וואָגען. עס האָט גאָרנישט. געהאָלפען און כ'האָב גערעדט ווי צו דער וואַנד: ער זעט מיין מיליטערישען כבוד נישט „פערשוועכען", איך בין — נישט היינט געבראַכט — „אָפיציר אונד מוס פאָהרען". איך האָב מיך געמוזט ראַטעווען, און — גאָט ברעכט טאַקע אייזען — א שטיקעל עצה דאָך געפונען: אויף די שפּיץ־פינגער האָב איך מיך אַוועקגע־שטעלט אין וואָגען אין דער גוט־בעקאַנטער „אַד־לער־פּאָזיציע", מיט אויסגעשפּרייטע הענד זיך אָנגעשפּאַרט אָן ביידע קאַנטען פון וואָגען, און אַזוי־אַרום, קוים א לעבעדיגער, ווי עס־איז דער־פאָהרען. האַלב־שטעהענדיג אַזוי אויפ'ן וואָגען, האָב איך מיטאַמאָל דערזעהן, ווי עפּעס א גרויע כמאַרע גליטשט זיך העט־ווייט איבער דער ערד. אויף מיין פראַגע: וואָס איז עס אַזעלכס, האָט מען מיר גאַנץ גערן ערקלערט, אַז דאָס איז א גרויסע מחנה רוסישע זעלנער, וועלכע מען פיהרט טאַקע אויך אין געפאַנגענשאַפט. איך האָב זיי אין האַרצען א ביסעל מקנא־געווען: זיי מוזען דאָך נישט פאָהרען און קאָנען, ווי פּראָסטע בשר־ודם'ס, געהן צו־פוס.

מען האָט אונז געבראַכט אויף א באַהן־סטאַציע, אַריינגעזעצט אין א וואַגאָן און פער־שלאָסען הינטער אונז די טיר. איך בין געבלי־בען מיט עטליכע אָפיצירען אין איין קופּע, דער הונגער האָט אונז אַלעמען שרעקליך געפּייניגט.

— נישט אַנדערש, נאָר ער וויל אונז אויסמאָ־רען, דער פערשאָלטענער דייטש, — פאַלען פער־צווייפעלטע ווערטער, — א לעפעל געקעכץ אָדער א זופּ טיי זאָל מען נישט געבען!

און דער כעס אין צאָרן פון די אַרויסגעזאָג־טע שילט־ווערטער האָט א ביסעל ווי געזעטיגט דעם עולם, א ביסעל געשטילט זיין הונגער.

דער צוג האָט גערירט פון אָרט. איך בין געזעסען אין א ווינקעל פון וואַגאָן, איינגעקורד־טשעט און טויט־מיד. עפּעס א ניגון איז אויפגע־שוואומען אין מיר, א ניגון אָהן ווערטער, אָהן א קול: די וואַגאָן־רעדער האָבען איהם אויס־געקלאַפּט צום טאַקט. עס איז געווען פון די ניגונים, וועלכע לאָזען זיך נישט זינגען, — טראַכ־טען נור קאָן מען זיי: א מחשבה־ניגון איז עס געווען, א נשמה־ניגון, א „כל־עצמותי־תאמר־נה"־ניגון... די וואָגאָן־רעדער האָבען איהם אַרויס־געריפען, דער הונגער איז געווען זיין קוואַל און קראַפט. אָ, הונגער! וואָס פאַר א ריזען־כח ה'ן ביזט! דו שטעכסט און ברעכסט, אָבער צו־גלייך שאַפסט דו און בויסט דו; דו פיהרסט אין שאול־תחתיה און אין עולמות־העליונים. א וועלט קאָנסטו חרוב מאַכען, אָבער דו בויסט אויך די שענסטע פאַלאַצען פון מענשליכען גייסט. ציט וואָלטען די מיסטיק און אונזער קבלה אָהן תעני־תים בעשאַפען געוואָרען? תמיד זאַט זיין, — הייסט עס דען נישט נראָב, פלאַך און ערדיש־זינדיג זיין?

אָט אַזוי ציהען אין שוועבען פון און אַרום מיר הונגער־ניגונים אין הונגער־געדאַנקען: זיי פילען־אָן דעם ענגען קופּע. די רעדער דרעהען זיך, די באַהן לויפט און די צייט לויפט־מיט. עס גערהט א שעה נאָך א שעה, עס ווערט שוין בין־השמשות, און די נאַכט דורך טיר און פענס־טער — הגם זיי זענען גוט צוגעשלאָסען — גנב'עט זיך פאַרט אריין אין אונזער וואַגאָן. מיר זיצען ווי צוגעשמיד'טע צו די בענק, די קעפּ אָנ־געשפּאַרט אָן וואַנד, די אויגען צו, און דרעמלען. שלאָפען הייסט עסען, מיינע פריינד, און נאָט, דער בעל־רחמים, האָט, ווייזט־אויס, אויף אונז זיך דערבאַרעמט, און — שאַ, שטיל, מיר זענען טאַקע איינגעשלאָפען.

פלוצלינג פראַלט ווידער אויף די טיר און עס ברילט ווידער א געשריי־קאָמאַנדע:

— ראַאוס! קאַפּעע טרינקען!

דער זייגער איז צוויי ביינאַכט. די באַהן שטעהט אויף עפּעס א סטאַציע. מיר פיהלען, אַז מיר קאָנען זיך נישט ריהרען פון אָרט און זענען מוחל דאָס „קאַפּעע־טרינקען". מאַטערט אונז נישט און לאָזט אונז צו־רוהה! דער הונגער איז דאָך, צוזאַמען מיט אונז, שוין איינגעשלאָפען.

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען: „זי מיר־סען קאַפּעע טרינקען". ווען מיר זענען, קוים אויף די פיס, שטעהענדיג, אַרויס פון וואַגאָן, האָבען די דייטשען געגוי אונטערזוכט, צי איז, חלילה, ווער פון אונז נישט געבליבען.

לאַנג האָט די „סעודה" אונזערע נישט געדויער־ערט. מיר האָבען זיך גיך אָבגעפּאַרטיגט מיט'ן שטיקעל ברויט און דער לויליכער, ברוינער, האַלב־ווּסער פליסינקייט, וועלכע האָט געהייסען „קאַ־פּעע", און צוריק אָבגעפיהרט געוואָרען אין וואַ־גאָן אריין. אונטערוועגנס האָב איך בעמערקט, אַז דער צוג אונזערער איז זעהר א לאַנגער, און טאַקע צוליב דעם זענען מיר אויך זעהר לאַנג געשטאַנען אויפ'ן וואָקזאַל, ווייל צום „קאַפּעע־טרינקען האָט מען אונז געפיהרט גרופּענווייז, דאָס הייסט, לויט די וואַגאָנען.

ענדליך האָט דער צוג דאָך גערירט פון אָרט און מיר פאָהרען שוין, ברוך־השם, ווייטער וואַר־הין — איז נאָך אַלץ א סוד. „פערפלאָמבירטע" זיצען מיר אויף די בענק, עס הויבט שוין אָן טאָגען און דער שלאָף אונזערער איז איינגאַנצען פער־שוואונדען. די אָפיצירען פערפיהרען א „פּאָסאָ־וועץ" מיליטערישען שמועס. איך, אַלס דאָקטאָר, הער זיך נאָר צו און מיש זיך אין איהם נישט אַריין. עס ווערען אַרויסגעזאָגט פערשידענע השער־רות וועגען אונזער מפּלה, וועגען איהרע סיבות, וועלכע האָבען זיך אויסגעלאָזען שפּעטער אַלס נישט־געשטויגען, נישט־געפלויגען. אַזוי איז עס בעת דער מלחמה: דער אָפיציר אויפ'ן פראָנט איז זעהר ווייניג בעהאַווענט אין די סטראַטעגישע פּלענער. ער האָט נאָר זיין שמאָלע אויפגאַבע, וועלכע ער דאַרף ערפילען.

מיר האַלטען אין איין פאָהרען און עס נעהמט גאָר קיין סוף נישט. דער צוג שלעפּט זיך און שטעהט לאַנג אויף פערשידענע סטאַציעס. דער וואַגאָן ווערט ביסלעכווייז אונזער היים. וואוהין, הידוש'ן מיר זיך אַלע. „אפשר אויף יענער וועלט"? — הויבט מען זיך שוין נאָר אָן צו וויצלען. שטימונגען בייטען זיך, און פון דער גרעסטער פערצווייפלונג פאַלט מען מיטאַמאָל אריין אין הומאָר און עס „לאַכט זיך מיט יאַש־טשערקעס".

צו אַלץ אָבער נעהמט א סוף, און עס איז נאָר קומען א צייט, ווען מיר זענען, געלויבט השם־יתברך, מיט מזל און מיט גליק דאָך דערפאָהרען. דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט און דאָס מאָל שוין טאַקע אויף אַנ'אמת. נייסע האָט געהייסען די שטאָדט, און דאָס זאָל אונזער עיר־מקלט זיין. מען לאָזט אונז אַרויס פון די וואַגאָנען, מען שטעלט אונז אויס אין רייהען און מען הויבט אונז אָן צו צעהלען. ערשט דאַן האָב איך דערזעהן, וואָס פאַר א גרויס געזינדעל, אָהן עין־הרע, מיר זענען. הייגט דער יחוס! געגעראַלען אין די צעהנדליגער, פּאָלקאָווניקעס — ווי די זינד, להבדיל און סתם אָפיצירען — ממש „כחול הים". דאָק־טוירים, פערשטעהט זיך, האָבען אויך נישט גע־פעהלט.

— מאַרש! — איז געפאַלען דער קאָמאַנדאָ־בעפעהל, און מען האָט אונז אָנגעהויבען צו פיהרען אין געפאַנגען־לאַגער. די גאַנצע שטאָדט איז געשטאַנען אויף די גאַסען און האָט זיך צו אונז צוגעקוקט. קינדער האָבען אונז נאָכגע־שריגען: „רוסקי, וואָדקאַ", און געמאַכט מיט די פינגער איבער'ן האַלז, ווי איינער זאָגט: הענ־גען אָדער שעכטען דאַרף מען אייך! מיר זע־נען געגאַנגען מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ. פלוצ־לינג הערען מיר: מוזיק שפּילט א בראַוואורען מיליטער־מאַרש, און עס נעהמט טאַקע פאַרביי אונז דורך א דייטשע קאָמפּאַניע, פון קאָפּ ביז די פיס אין מיליטערישען שיק און מיט אַנ'אָר־קעסטער דערצו. דער עולם האָט זי בעגעגענט מיט אַנ'אויסערגעוועהנליכען „הוראַ".

דער „ספּעקטאַקל" האָט זיך איינגעגעבען: „דאָס פאָלק" איז געווען בעגייסטערט.

מ. נאַדעלמאַן

פּענסיאָנאַטניקעס

צום סוף פון דאַטשע־סעזאָן האָב איך געמאַכט אַ ריי אינטערוויוען ביי פערשידענע פּענסיאָנאַט־אינהאַבער, כדי זיך צו דערוויסען, ווי אַזוי עס איז ביי זיי אַדורך דער סעזאָן.

ווייזט זיך אַרויס, אַז כמעט יעדער פּענסיאָ־נאַטניק קלאָגט זיך דערויף, וואָס ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט ביים עסען, האָבען די געסט גע־האַט אַפּעטיט גענוג, אָבער ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט ביים בעצאָהלען — האָבען זיי גע־דאַרפט איינגעהמען אַפּעטיט.

איך וועל פּרובען וואָרטליך איבערגעבען די ענט־פערס פון די פּענסיאָנאַטניקעס.

אַנ'אינהאַבער פון אַ פּענסיאָנאַט אין שווידער האָט מיר געזאָגט:

— פּראָשע פּאַנאַ, איך זאָג איהנען, געלויבט צו גאָט, וואָס מיין געעהרטע קליענטעלע, די פּרע־סערס, זענען זיך שוין צעפאָהרען.

אַ גאַנצען זומער האָבען זיי זיך געהאַלטען אין איין „פּאַקען", און ערשט איצט זענען זיי געפאָהרען...

אַ שווער שטיקעל ברויט הייסט אַ פּענסיאָנאַט. זעקס מאָל טעגליך מאָהנען זיי, די געסט, עסען; און איך דאַרף מאָהנען צעהן מאָל טעגליך ס'געלד.

אַז עס קומט דער סוף פון סעזאָן, דאַרף מען זיי היטען ווי די גנבים. זיי ווערען געלם און אַנט־לויפען פון אונטער די שלעסער אַפילו!

איך האָב ערשט נעכטען גערעדט מיט אַנ'„אַנטלאָפענעם" אין וואַרשאַ. איך האָב איהם געזאָגט, אַז אַזאַ האַנדלונג איז: באַרבאַריזם, שאַנ־טאַזש און פערדאָרבענקייט.

איך האָב איהם געפרעגט:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, פּאַניע ראַבינאָ־וויטש, פונוואַנען קומט צו אייך אַזאַ פערדאָר־בענקייט?

האָט ער מיר געענטפערט:

— דאָס האָב איך מיך טאַקע אַזוי פערדאָר־

בעגען ביי אייך אין פּענסיאָנאַט!

— נו, געהט רעדט מיט די חוצפּה'ניקעס!

יאָ, איך האָב אויך געהאַט אַ גאַנצען זומער אַ פּאַניע מיט „געטלעכיטע" האָר, איז זי יענע וואָך אַריינגעפאָהרען אָהן אַ זיי־געזונט און מיר שולדיג געבליבען 75 זלאָטעס.

האָט מיך די מעשה פערדראָסען, וואָרום איז הייר אמת'ן מאָדי, פאַרוואָס זאָל אַזאַ ס'גאָל פאָנגע שולדיג בלייבען? אַ גאַנצען זומער האָט זי גע־האַלטען אין איין שרייען „ניעווינגע" און „ניע־ווינגע", און צום סוף איז זי געבליבען זוינגע פינף־און־זיבעציג זלאָטעס!

בין אי קאַריינגעפאָהרען צו איהר קיין וואַר־שאַ זוויפמאָהנע דעם חוב, האָט זי מיר געענט־פערט:

— כ'בעט אייך, לאָזט מיך אַלטס צורות. איך האָב אַ פערדרעהטען קאָפּ. מיין מאַן איז אויף די „טשוויטשעניעס"!

גלאָץ איך אויס אַ פּאָר אויגען:

— האַ, איהר זענט אַ מענזשאַטקע? טאָ פאַר וואָס האָט איהר מיך אָבגענאַרט?

האָט זי זיך צעבייזערט אויף מיר:

— איך טאָר נישט אָבנאַרען און איהר מעגט יאָ אָבנאַרען? און אַז איהר האָט געזאָגט, „אַז די קאָטלעטען זענען פריש, האָב איך אייך יאָ געגלויבט, וואָס? און אַז איהר האָט געזאָגט, אַז די מילך איז גלייך פון דער קוה — האָב איך אייך יאָ געגלויבט, וואָס? נאָר אייך האָט נישט גע־פּאַסט מיר צו גלויבען?! שעמען זאָלט איהר אייך אין אייער ווייטען האַלז אַריין!"

— נו, וואָס־ישע, מיינט איהר, האָב איך גע־טהון, — זאָגט צו מיר דער פּענסיאָנאַטניק, — כ'האָב איבערגעלאָזט די פאַנגע־מענזשאַטקע און רעזיגנירט פון די 75 זלאָטעס. וואָס וועל איך געהן איינרייסען מיט איהר? כ'האָב פּראָסט־פּשוט מורא, ווייל שכנים האָבען מיר געזאָגט, אַז דער מאַן איז אין אַרטילעריע!

אַ פּענסיאָנאַטניק פון מיעדזעשין האָט זיך פאַר מיר געקלאָגט:

— די חובות וועלען מיך בריל־הדל שטעלען. אַלע געסט זענען מיר געבליבען שולדיג. — שטעלט אייך פאָר, איך האָב געהאַט אין איין זומער צוויי יונגעלייט: איינעם פון לוויוויטש און אַ צווייטען — פון זדונסקע־וואָליע. מילא, דעם לוויוויטשער יונגערמאַן האָב איך אין לוויוויטש. ער איז מיר שולדיג געבליבען נישט מעהר ווי 12 זלאָטעס; ס'איז קוראַנט, אָבער דער זדונ־סקע־וואָליער האָט צוגענומען פיר קילאָ און צוויי ...ווילבעריגע גאָפּלען... דערצו נאָך איז ער שול־דיג געבליבען אַ קנאַפּען הונדערטער אויך.

ווען איך האָב איהם געפּאַקט ביי דער באַהן מיט דער וואַליזקע, האָב איך איהם געזאָגט:

— יונגערמאַן, כסף!

זאָגט ער צו מיר:

— רעדט נישט קיין קאָנגרעס־העברעאיש, איהר זענט נישט אין פּראַג!

— זאָג איך:

— יונגערמאַן, געלד וויל איך!

— ענטפערט ער:

— וואָס, געלד? ווען איך האָב געלד, זיץ איך ביי אייך נאָך צוויי וואָכען! ס'איז דען אַ שלעכ־טער פּענסיאָנאַט ביי אייך? איך האָב מיך גאַנץ שען פּאַפּראַוויעט, זאָל איך מיר האָבען אַזאַ יאָהר!

האָב כ'איך איהם געזאָגט, אַז איך וועל איהם אָנקלאָגען אין געריכט.

האָט ער געזאָגט:

— אויב איהר וועט אָנהויבען מיט סאָנדעס, וועל איך מיין פוס מעהר נישט שטעלען צו אייך אין פּענסיאָנאַט אַריין און איבעראַיאָהר וועל איך גלייך פערפאָהרען צו אייער שכן.

פערשטעהט זיך, אַז איך האָב געמוזט מאַכען אַ שווייג, ווייל איך וועל דאָך נישט געהן אַריינ־שטופּען בידים מיינעם אַנ'איינגעם קונדע צו אַ קאָנקורענט!...

אַ פּענסיאָנאַטניק אין מיכאַלין האָט מיר גע־זאָגט:

— ס'ערגסטע איז, אַז מען האָט צו טהון אין אַ פּענסיאָנאַט מיט שרייבערס און מיט מאַקסימאַריען. עס האָט געוואוינט ביי מיר אַ גאַנצען זומער עפּעס אַ פּאָעט, האָב איך נישט געזעהן פון איהם קיין צוויער. באַלד נאָכ'ן ערשטען „פּאָהזיעטשאַ־רעק", וואָס ער האָט געגעסען ביי מיר, האָט ער מיר געגעבען האַנדגעלד אַ גאָזעלע, און אַיצט, ביים אוועקפאָהרען, איז ער מיר שולדיג גע־בליבען קנאַפּע צוויי הונדערט זלאָטעס, האָט ער מיר איבערגעלאָזט דערויף אַ משכון אַ פּער־קעל באַלאַדען מיט סאָנעטען. נו, נעהט, אַרבאַ, טהוט עפּעס אויף דערמיט? וואָס וועל איך צאָה־לען דעם קצב פאַר שפּאָנדרע, — מיט לידער? און וואָס וועל איך רעניקן דער מילך־יודענע מיט סאָנעטען? —

בין איך אַריינגעפאָהרען צו איהם קיין וואַר־שאַ און געפרעגט:

— וואָס וועט זיין?

האָט ער מיר געענטפערט, אַז קומענדיגע וואָך דאַרף ער האָבען אַ פאַרלעזונג וועגען זיינע הערבסט־לידער און כ'וועל זעהן, אַז ס'זאָל זיך מאַכען אַ ביסעל וקיהלער, וועט זיך אפשר מאַכען אַ שטיקעל ספּאָר, וועט ער מיר אפשר געבען אַ צעהנערל אַ קאָנטאָ...

יאָ, איך האָב אויך געהאַט אַנ'אַקטיאָר צוויי וואָכען ביי מיר אין פּענסיאָנאַט. ווען ס'איז געקו־מען צום בעצאָהלען, האָט ער געזאָגט:

— קיין געלד האָב איך נישט, אָבער איהר קאָנט קומען מיך זעהן שפּילען פאַר די פּאָר זלאָטעס. איך בין אַ דראַמאַטישער אַקטיאָר און שפּיל אין מעלאָדראַמעס!

האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך לייד נישט קיין מעלאָדראַמעס, איך האָב פיינד צו וויינען.

האָט ער מיר פייערליך צוגעזאָגט, אַז איך וועל נישט וויינען, ווייל ער איז, זאָגען מענטשען, אַזאַ דראַ־מאַטישער אַקטיאָר, אַז ווען מען זעהט איהם שפּילען, מוז מען לאַכען!...

הכלל, די אונטערשטע שורה. איך האָב שוין אָבגעלאָזט פאַר זיבען זלאָטעס מיט אַכציג גראָשען. לאָמיך נאָך צולאָזען פאַר אַ זלאָטע מיט ראַכציג גראָשען, וועל איך זיין מיט איהם קוויט!

מאיר הערץ

די טאמאשאווער חברים

(פון די יוגענד־יאהרען פון קאצקער רבי'ן)

(המשך פון פריטאגדיגען נומער)

אין מאקע דערפאר, וואס יעצטענס האבען זיי אזוי קנאפ געזעהן צווישען זיך הערש'ען, וועלכער דארף זיי דערצעהלען, ווי זיין שטייגער, די קלוגע הלצה'לעך און זיי א ביסעל אויפמונ־טערן און מאכען לאכעדיג — האבען זיי איהם אנגעהויבען ארומזוכען. ערשט איצט האבען זיי דערשפירט, אז ער פעהלט זיי. און ווען זיי האבען אויסגעפינען, אז הערש האט איבערגע־טראגען זיין מקום־מקלט דארט, אין דעם טריבען שטויביגען קארץ — האבען זיי נישט פערשטאנען, פארוואס ער אנטלויפט פון זיי און קאן זיך גאר־נישט אפרייסען פון מענדלען.

מען האט געהאוסט, אז ביידע זענען זיך גע־טרייע און איבערגעגעבענע חברים. דאס האט מען שוין לאנג געזעהן, אבער אויף אזוי ווייט, אז הערש, דער תמיד לוסטיגער, דער מיט אלעמען אויסגעקאכטער, זאל מיטאמאל איננאנצען פער־לאזען דאס בית־מדרש, וואו ס'איז שטענדיג ליכ־טיג און פרעהליך — דאס האבען זיי, די יונ־געלייט, זיך נישט געקאנט פארשטעלען.

אין תחילת האבען זיי גערעכענט, אז הערש'ס אנטלויפען נעהמט זיך דערפון, וואס זיי האבען איהם על־פי־טעות געשלאגען דארט אונטער'ן טיש, וואוהין מענדעל איז ארונטערגעפאלען. הא־בען זיי איינמאל איהם טאקע געפרעגט, צי ער איז בייז אויף זיי, און איהם איבערגעבעטען. האט אבער הערש, ווי זיין שטייגער, געלאכט פון זיי, גע'טענה'ט, אז ס'הויבט זיך נישט אן. נישט ער איז בייז אויף זיי און נישט ער פיהלט צומאל, אז זיי האבען איהם בעליידיגט. אדרבא, די קלעפ, וואס ער האט געקריגען, — זאגט ער — פאר מענדלען, — זענען געווען אזוי זיס, אז ער איז גרייט אויף זיך צו נעהמען כפל־כפלים... און אפשר ווילען זיי — שטעלט ער אויס, כאטש שוין איצט, זיינע פלייצעס...

אז די למדנים האבען איהם אנגעקוקט מיט פער'חידוש'טע אויגען און איהם נישט פערשטא־נען, האט ער, שמייכלענדיג, זיי מסביר־געווען:

— וואס מיינט איהר, אז חברים איז מען נאר, ווען מען לערנט צוזאמען א בלאט גמרא? דאס איז דאך גארנישט; די קונץ איז, אז מען קאן צוזאמען קריגען קלעפ און זיי נישט שפירען אפילו... אויב די אהבה געהט אזוי ווייט, איז נישט בלויז, וואס מען איז נישט מרגיש די יסורים, נאר, פערקעהרט, מען איז זיך מיט זיי מחיה, ווייל מען ווייסט, אז דערמיט איז מען מציל א גו־טען ברודער. אט דאס איז דער טייטש: טובים השנים מן האחד. אז צוויי מענשען זענען פון איין שטיק — איז ערשט רעכט גוט. געהט שוין, געהט. ווען איהר וואלט געוואוסט דעם טעם פון אזעלכע קלעפ, וואלט איהר אייך אליין ארונ־טערגעווארפען אונטער'ן טיש און זיך געהייסען אריינצעהלען אחת־ושתים.. איהר וואלט זיך פשוט דעריקוויקט. איהר ווייסט דען, וואס הייסט יסורים של אהבה?

———

האבען די לומדים געמיינט, אז הערש זאגט שוין ווידער א הלצה און זיי האבען מיט איהם מיטגעלאכט.

———

אז ס'איז אוועק ווייטער א צייט און הערש'ן האט מען נאך אלץ נישט געזעהן אין בית־מדרש, האבען זיך שוין די לומדים באמת פערבענקט נאך איהם. עפעס איז אין בית־מדרש געווארען מרה־שחורה'דיג. עפעס אנ'אומהיימליכקייט האט דארט ארומגעשוועבט און מעהר ווי דאס טרוקע־נע גמרא־לערנען האט מען נישט געהערט. טעג גאנצע זענען אוועק און מען האט קיין געלעכטער נישט פערנומען. אלע פנים'ער פערשטייפט, די שטערענס צעקנייטשט, די אויגען שוין באלד פער־לאשען פון גריבלען זיך אין די קליינע אותיות־לעך. אין בית־מדרש איז טאקע געווען ליכטיג, אבער די ליכטיגקייט האט אויסגעזעהן ווי אנאב־געבלאקעוועטע, א שטיל־פערדרימעלטע, און זי איז נאך מעהר איינגעוויגט געווארען דורך די בענקענדיגע און פערטרוימטע געזאנגען פון די לערנערס ביי די גמרות. די שטיקער זון, וואס זענען געפאלען אויף די גרויסע גמרות, האבען אויסגעזעהן ווי ליכטיגע קינדער־קעפלעך, וואס די מאמעס שאקלען זיך איבער זיי און שלעפערן זיי איין מיט א ניגון...

קליין און גרויס האבען איצט געפיהלט, אז דער הויכער, דארער הערש פעהלט אין בית־מדרש. איצט, אז ער איז נישט געווען, האבען זיי איצט געשפירט ווי פרעהליך און היימליך ס'איז געווען מיט איהם. צוזאמען מיט איהם האט עפעס אויך די זון אנדערש געשיינט און דאס בית־מדרש האט אנדערש אויסגעזעהן. זיין חדוה, זיין בנילו־פינ'דיגקייט האט אלעמען אויפגעלעבט. עפעס האט א יום־טוב'דיגקייט פון איהם געשלאגען. ער איז געווען לויטער פרייד און געזאנג און דאס אלץ האט ער אין בית־מדרש אריינגעברענגט.

אין טאמאשאווער בית־מדרש זענען אויך גע־זעסען און געלערנט עלטערע יודען, שטילע, ארענטליכע, נישט קיין שרייענדיגע און דווקא גרויסע תלמידי־חכמים. אפילו זיי, וואס עס האט אויסגעזעהן, אז זיי קוקען זיך קנאפ אום אויף די יונגערע, האבען זיך אויך איצט געפרעגט אויף די בחורים מענדעל און הערש.

די עלטערע האט דווקא מעהר געפעהלט מענ־דעל. זיי האבען זיך איצט דערמאהנט, אז ער האט געהאט א שען פערטראכט פנים מיט לויי־טערע, טיפע אויגען, וואס תחילת האט זיך אויס־געוויזען, אז זיי שרעקען־אב, נאר אז מען האט זיך גוט אריינגעקוקט אין זיי, האט מען געזעהן, אז עס שפראצט פון זיי מילדקייט און קלוגשאפט. איז מענדעל די עלטערע יודען זעהר געפעלען גע־ווארען, דווקא מיט זיין פערטראכטקייט, מיט זיין שטילקייט, מיט זיין געהן פאר זיך, נישט אנצו־ריהרען קיינעם. די עלטערע האבען זיך געקענט דערויף, אז דאס איז נישט געווען קיין גאות, קיין גרויסהאלטען זיך, נאר, פערקעהרט, א ביטול, א גרויס ענוות און א צו־גארנישט־מאכען זיך אליין. זיי האבען געזעהן, אז מענדעל ארבייט שטארק מיט'ן מוח, אז ער איז אזוי פערטיפט, אז א סך מאל הערט ער נישט און פיהלט נישט, וואס ארום איהם קומט־פאר. אבער זיי האר־בען זיך גארנישט געמאכט דערפון. זיי האבען איהם געהאלטען פאר א פערקלערטען בחור, וואס טראכט־אריין אין לערנען. איצט, אז זיי האבען דערהערט, אז ער זיצט כסדר אין קארץ אבגעשלאסען און אבגעזונדערט, האבען זיי זיין נישט־זיצען אין בית־מדרש נאך מעהר געפיהלט, ווי זיין פריהערדיגען יא־זיצען...

האבען די יונגערע געזוכט הערש'ן און די עלטערע האבען זיך שטארק נאכגעפרעגט אויף מענדלען. און ווען די עלטערע יודען האבען זיך דערוואוסט די מעשה מיט'ן שלאגען און וואסער־גיסען, האבען זיי שטארק תרעומות־געהאט אויף די יונגע לערנער און געהייסען זיי מפייס־זיין מענדלען פאר די קלעפ און פאר'ן בזיון.

אבער די יונגעלייט האבען מענדלען נישט ליב־געהאט און האבען איהם נישט געקאנט שענ־קען פאר זיין אריינזאגען זיי די שארפע, שטעכע־דיגע ווערטער. האבען זיי דעריבער נישט געוואלט נאכגעבען. זיי איז געגאנגען מעהר אין דעם, צוריק אריינצוקריגען דעם לוסטיגען הערש אין דער בית־מדרש־חברותא.

האבען זיי איינמאל אבגעווארט הערש'ן אין פאליש, ווען ער האט געטראגען א טעפעל גריץ מיט א פערדארט ראזאווע ברויטעל פאר זיין חבר מענדעל. זיי זענען דאן צוגעשטאנען צו איהם און געפרובט קליינמאכען אין זיינע אויגען דעם גאנצען מענדעל.

— שעם זיך, הערש, — האבען זיי זיך גע־רייצט, — ביזט געווארען א טרעגער־יונג ביי מענדעל דעם עם־הארץ! ניכער וואלט ער דיר געפרויכט דערלאנגען עסען, נישט דו — איהם! וואס, אפשר איז ער א רבי און דו ביזט זיין משמש? איהר שפילט זיך אין רבי'שאפט? אבער אפשר איז פערקעהרט — ער דארף זיין משמש און דו — רבי? יא, יא, מיר ווייסען שוין, ער יכול'ט, נעבעך, נישט אין די קליינע אותיות, דיין מענדעל, דעריבער שעמט ער זיך צו לער־נען צוזאמען מיט אלע, מ'זאל איהם אמאל נישט כאפען... נישט קשה, מענדעל קאן די קונץ, ער מאכט דעם אנשטעל, ווי ער וואלט געפראוועט התבודדות, אדער ער איז פערטיפט אין שווע־רע הלכות...

אט אזוי האבען די יונגעלייט גע'חוזק'ט פון הערש'ן און נאך מעהר געלאכט פון זיין חבר מענדעל. אבער הערש האט זיך גארנישט געמאכט דערפון. ער האט לייכט געשמייכעלט און גע־ענטפערט אין קורצע ווערטער:

— איהר וועט ביי מיר גארנישט פועל'ן, איהר וועט מיר נישט פער'מיאוס'ען מענדלען. יא, אזוי איז עס. איך בין טאקע זיין משמש, און אפילו דאס צו זיין בין איך אויך נישט ווערט. אויב איהר קאנט נישט בעשטעהן — איז נישט. כ'וועל שוין מעהר נישט זיין אייער בדחן און לצנות־טרייבער. אז איהר וועט איבערבעטען מענדלען און פועל'ן ביי איהם, ער זאל צוריק־געהן אין בית־מדרש אריין, וועל איך אויך מיט־געהן...

דא האבען זיך די יונגעלייט נאך מעהר צע־לאכט. א טייל האט גענומען איהם קיצלען אין די זייטען, און א טייל — שנעלען איבער די אויערן, אזוי אז הערש האט אראבגעלאזט דאס טעפעל גריץ פון די הענד.

די יונגעלייט זענען אנטלאפען און הערש איז געבליבען שטעהן מיט אויסגעשפרייטע הענד און פון זיינע אויגען זענען אראבגערונען טרערען. דער תמיד־לוסטיגער און פרעהליכער הערש האט נאך קיינמאל אזוי ביטער נישט געוויינט.

געוויינט האט ער ערשט אויף צוויי זאכען: אויף וואס מען איז אזוי מבזה זיין חבר מענדעל און אויף דעם, וואס מענדעל וועט שוין דעם טאג נישט עסען קיין ווארעם ביסעל געקעכץ... ביי מענדעל'ס טאטע־מאמע קאכט מען איינמאל אין דער וואך — אויף שבת, מעהר נישט, און ביי זיי, ביי הערש'ס עלטערן, קאכט מען נאר א ביסעל ווארעמס צוויי מאל אין דער וואך, און אויך דאן נישט אזוי בריות, און הערש מוז דעמאלט אראב'גנב'ענען פון יעדען ברודערל און שוועס־טערל זיינע א פאר לעפעל, אז ס'זאל זיין א פארציע אויך פאר מענדלען... איצט וועט מענ־דעל מוזען ווארטען גאנצע צוויי טעג, ביז ער וועט זיך דערווארעמען זיין צעבראכענעם אויס־געדארטען גוף מיט א לעפעל ווארעם וואסער.

אז הערש איז אריינגעקומען אין קארץ א פערוויינטער און מענדעל האט זיך דערוואוסט, וואס אין פאליש איז פארגעקומען, האט ער אויף איהם אנגעשריגען:

— נעה שוין, פטור אנ'עסק! ס'איז מיר נאר א שאד דער צעבראכענער ערדענער טאפ, ווייל דיין מאמע וועט זיין גערעכט. דו האסט איהר היזק געמאכט א פאר גראשען, וואס זי פערדינט אזוי שווער אויף די ירידים. נא דיר מיינע לא־טשען, וועסטו זיי פערקויפען און אבקויפען דיין מאמען א טאפ.

— דיינע לאטשען זענען דען עפעס ווערט? זיי זענען דאך צעריסען און צעפליקט, קיינער וועט פאר זיי קיין פרוטה נישט געבען. מיינע זענען בעסער. פ'לעבען, טאקע א סברא, כ'וועל פערקויפען מיינע לאטשען — איז הערש שוין גע־ווען גרייט.

מענדעל האט איהם אבער נישט געלאזט און האט געוואלט פון זיך אראבנעהמען דאס העמד צו פערקויפען, אבער דא האט ער דערזעהן, אז ער געהט אהן א העמד.

מענדעל האט א מאך־געטהון מיט'ן קאפ און זיך א ביס־געטהון אין דער ליפ. ער איז אויף זיך אליין בייז געווען, וואס הערש האט געזעהן זיין נאקעט לייב. ס'איז שוין אבער געווען פער־פאלען. הערש האט געזעהן און ער האט טא־קע אויסגעשטעלט א פאר פערוואונדערטע אויגען און געפרעגט:

— מענדעל, וואו האסטו ס'העמד?

— אויף מיר אנ'עסק, — האט מענדעל אוועק־געדרעהט ס'פנים, — עפעס א העמד דארט!

— אבער דאך... ווי געהט עס א מענש אהן א העמד? — האט הערש נישט געקאנט אויסהאל־טען.

מענדעל האט זיך געפרובט ארויסדרעהען, אבער ער האט לסוף זיך מודה־געווען, אז ער האט דאס העמד אוועקגעגעבען אנ'ארימאן, א וואנדע־רער, וואס האט זיך געשטעלט אונטער'ן פענסטער פון קארץ און געבעטען א העמד.

— אבער ווי קומט דא אהער אנ'ארימאן? דער הויף, וואוהין ס'פענסטער געהט־ארויס איז דאך תמיד ארומגעצוימט און פערשלאסען! — האט הערש ווייטער נישט געקאנט פערשטעהן.

— איך ווייס נישט, ווי אזוי. גענוג, אז איך האב איהם געזעהן דא שטעהן און ער האט געבעטען א העמד. וואס געהט עס מיך אן צו וויסען, פונוואנען ער איז געקומען און ווי אזוי, — האט מענדעל געזאגט שוין מיט א בייזען טאן, אזוי אז הערש האט איהם צו־רוה געלאזען.

מענדעל האט פערשטאנען, אז הערש וויל עפעס פרעגען, האט ער אליין געזאגט:

— כ'חיים, הערש, ווילסט אוודאי זאגען, אז דאס העמד איז דיינס און „אין אורח מכניס אורח“, אבער וועגען דעם וועלען מיר אנ'אנדערש מאל א דין־תורה־האבען.

(סוף קומט)

יודישע אנעקדאטען

געזאמעלט: פון ר. בערסאז

ווען נישט...

דער ווארשאווער גאון ר' דובער מייזליש, איז אמאל געפאהרען אין צוג. נעבען איהם איז גע־זעסען א הויפט־קאמאנדיר, א בעקאנטער צורר־ישראל, און האט געפיהרט מיט זיך א הונד, וועלכען ער האט גערופען מיט א יודישען נא־מען „יעקעל“.

— א גרויס רחמנות אויפ'ן הונד, — רופט זיך אן דער ווארשאווער רב, — וואס טראגט, געבען א יודישען נאמען...

— וואס איז?

— ווען נישט דער יודישער נאמען, — שמייכעלט־אונטער דער רב, — וואלט ער דאך אויך געקאנט זיין א הויפט־קאמאנדיר...

ארץ־ישראל

דער רבי ר' ברוך פון מעזשיבוזש האט גע־האט א שטארקע ליבשאפט צו ארץ־ישראל. — פלעגט ער זיך שטארק אינטערעסירען מיט דעם יודישען ישוב און איהם שטיצען.

אין יענע צייטען איז ארץ־ישראל געווען פוסט און וויסט. דער ישוב איז געווען זעהר א קליי־נער און האט געלעבט אין גרויס ארעמקייט. פון די אשכנזישע יודען זענען נאר געווען געצעהלטע פירושים. א רייזע קיין א"י האט גע־דויערט פיל חדשים און איז געווען פערבונ־דען מיט סכנות־נפשות.

דער רבי ר' ברוך האט אבער געוואלט פער־גרעסערן און פערשטארקערן דעם חסידישען ישוב דארט, האט ער געשיקט אהין ר' וועל־וועל זבאראשער. נאך א לאנגער און שווערער נסיעה איז ר' וועלוועל קוים־קוים אנגעקומען קיין טבריה, א שטארק אויסגעמאטערטער, און האט זיך דארטען בעזעצט.

געהט־אוועק איין יאהר, צוויי יאהר — און פון ר' וועלוועלען איז נישטא קיין ידיעה. קיין פאסט איז דאך דעמאלט נישט געווען, קיין טוריסטען אויך נישט. האט דער רבי ר' ברוכ'ל געשיקט אהינצו דעם שפעטאווקער רב, ר' יעקב־שמשון, זעהן, וואס עס טהוט זיך מיט ר' וועלוועלען.

מיט גרויס מסירת־נפש איז ר' יעקב־שמשון אנגעקומען אין פארט פון עכו, און פון דארט איז ער אוועקגעפאהרען אויף אנ'אייזעל קיין טבריה. אריינקומענדיג צו ר' וועלוועלען אין הויף, זעהט ער ווי ווייבער שטעהען און וואשען וועש. דערקענט ער צווישען זיי ר' וועלוועל'ס ווייב. הייסט ער באלד דעם אייזעל־פיהרער, ער זאל אויסדרעהען און פאהרען צוריק קיין עכו. ער האט נישט געקאנט צוזעהן דאס דחקות פון ר' וועלוועלען, אז זיין ווייב זאל וואשען וועש.

בעמערקט עס ר' וועלוועל'ס ווייב און רופט זיך אן צו ר' יעקב־שמשונ'ען:

זאל דער רבי וויסען, אז דאס איז נישט אונ־זער וועש, נאר פרעמדס. אט אזוי דארף מען לעבען אין ארץ־ישראל און ס'איז ליב צו ליי־דען יסורים דא.

דער שפיטאווקער האט זיך דאן שטארק צעוויינט...

רעדט יודיש...

נאכ'ן ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס האט ר' שמואל מאהילעווער, ביאליסטאקער רב, גע־רופען צו זיך קיין ביאליסטאק א בעראטונג פון אלע קאנגרעס־דעלעגאטען פון רוסלאנד וועגען בעטראכטען דעם סדר פון דער ארץ־ישראל־ארבייט.

ר' שמואל עפענט די זיצונג מיט א ברכה און לענט־פאר, מען זאל נישט זיצען אהן די היטלען און מען זאל רעדען יודיש.

א טייל פון די, וועלכע האבען געקאנט רו־סיש בעסער ווי יודיש, האבען זיך געפיהלט נישט בעקוועם.

שטעהט־אויף ד"ר כהן־בערנשטיין און ענט־פערט ר' שמואל'ן אויף א צעבראכענעם יודיש:

— רבי, וועגען די היטלען קאנען מיר אייך צוליב־טהון, הגם ס'איז אונז שווער. אבער וועגען דער שפראך, איז נישט מעגליך, ווייל מיר קאנען זיך נישט אויסרעדען גוט אויף יודיש, וועט מען אונז נישט פערשטעהן; וועט אויסקומען, אז מיר זאלען נאר איננאנצען שווייגען. אויב אבער ס'איז פארהאן עמיצער, וואס פערשטעהט נישט קיין רוסיש, וועלען מיר שטעלען אנ'איבערזעצער.

— ניין, — ענטפערט ר' שמואל, — איך האב אייך געבעטען רעדען יודיש, נישט צוליב דעם, אז ס'זאל עמיצען פון אונז ארויסקומען א טובה, נאר טאקע צוליב דעם ענין אליין, און אט פארוואס:

מיר ווייסען דאך, אז משה רבינו איז געווען א כבד־פה. פארוואס־זשע האט גאט פלוצלינג אויס־געוועהלט איהם צו זיין דער יודישער אויסלייזער פון מצרים? דאכט זיך, צוליב אזא גרויסער זאך, ווי אויסלייזען א פאלק, איז נויטיג א רעדנער, וואס זאל קאנען ווירקען מיט זיין רעדנער־טאלאנט, ער זאל קומען צו פרעה'ן און איהם אויפקלערן דורך לאנגע און טיפזיניגע רעדעס. גאט האט אבער געקלערט, אז אויב ער וועט שיקען א רעדנער, וועט ער זיך אזוי פערירעדען, אז ער וועט פערגעסען דעם עיקר, ד. ה. די יודישע גאולה. דערפאר האט ער אויסגעוועהלט משה רבנו, טאקע ,ווייל ער איז א כבד־פה, ווייל ער קאן נישט האלטען קיין לאנגע רעדעס, וועט ער זאגען דעם עיקר: „שלח את עמי“...

— דא איז אויך דאס אייגענע, — ענדיגט ר' שמואל. — איך ווייס, אז איהר זענט אלע, ברוך־השם, גוטע רעדנער. איך האב אבער מורא, אז צוליב די שענע רעדעס וועלען מיר פערגע־סען דעם עיקר. בעט איך אייך טאקע צו רע־דען יודיש, א שפראך, וואס איז אייך שווער, כדי איהר זאלט זאגען דעם עיקר און רעדען קורץ.

בעזארגט דעם עולם...

אז ר' נחמן בראצלאווער האט זיך אנגעהויבען גרייטען צו זיין רייזע קיין ארץ־ישראל, האט די רביצין זיינע אריינגעפיהרט צו איהם דאס עלטערע מיידעל זייגס, וועלכעס האט שטארק געוויינט און גע'טענה'ט:

— טאטע, אויף וועמען לאזטו אונז איבער? ווער וועט אונז שפייזען?

— דו, טאכטערשי, — ענטפערט איהר ר' נחמן, — וועסט פאהרען צום מחותן. דאס גרעסע־רע שוועסטערל דיינס וועט זיך שטעלען פאר א דינסט, דאס קליינע שוועסטערל וועט מסתמא עמיצער פאר רחמנות אריינגעהמען צו זיך אין שטוב אריין. די מאמע וועט זיך שטעלען פאר א קעכין ביי פרעמדע, און אלע, וואס עס געפינט זיך אין שטוב, וועל איך פערקויפען, כדי צו האבען אויף הוצאות־הדרך.

מ. באַראבאַן

(נאַכדרוק פערבאָטען)

געשיכטען פון גערער הויף

דער ערשטער גערער רבי

דער קאָצקער רבי ווילי זיך אַרויסרייסען פון זיין חדר־מיוחד. — די מקורבים האָבען איהם נישט געלאָזט אַרויס. — מען בויט הייזער און מען מאַכט א גרויסען „קאָצקער הויף". — דער קאָצקער רבי כאַפּט זיך אַרויס ביינאַכט און טרעפט די חסידים שיכור'ען. — ווי אזוי די חסידים טייטשען אויס דעם קאָצקער רבינ'ס דרך. — זיין פּלוצלימדיג געשריי אין בית־המדרש אַריין. — דער רבי ליגט פער'חלש'ט פאַר דער טהיר פון בית־המדרש

55־טעס קאַפּיטעל

בעת דער חידושי־הרי"ם איז געווען פערנומען מיט שרייבען שאלות־ותשובות וועגען מאַשין־מצות און אַנדערע לומדישע ענינים, איז דער קאָצקער רבי, דער ברוגז'דיגער לייב, געזעסען פערשפּאַרט אין זיין שטיבּ, וואו די מקורבים צוזאַמען מיט דעם חידושי־הרי"ם האָבען איהם פערמאַכט און ער האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען פון דער גאַנצער וועלט.

פון צייט צו צייט פלעגט זיך אין איהם דערוועקען דער מעכטיגער פּראָטעסט און ער האט געוואָלט אַרויס צו די חסידים, זאָגען זיי אָפען, וואָס ער טראַכט וועגען זיי און וועגען זיינע איי־גענע מקורבים, אָבער עס זענען פאַר דער טיר געשטאַנען היטערס און האָבען איהם נישט גע־לאָזט אַרויסגעהן. אפילו זיין געטרייסטער משמש, ר' הירש טאָמאַשאָווער, האט פאַר איהם פער־שטעלט דעם וועג, און פאַר די חסידים האט עס נאָך אַלץ געהייסען, אז דער רבי האט זיך מת־בודד געווען און וויל די וועלט נישט אָנקוקען.

נישט איינמאָל, ווען דער קאָצקער רבי פלעגט הערען א געזאַנג, וואָס האט זיך געטראָגען פון דער קלויז, פלעגט ער זיך געבען א לאָז צו דער טיר, און אז ער האָט זי געטראָפען פערמאַכט, פלעגט ער געבען א ברום ווי א געפּענטעטער לייב, אז די ווענד האָבען אזש געציטערט און די חסי־דים האָבען זיך דערשראָקען און זיך צעלאָפען אין די ווינקלעך. ביז ר' הערש טאָמאַשאָווער איז אַריינגעקומען, בערוהיגט די חסידים און געהייסען זיך ווייטער משמח־זיין, צוזאָגענדיג זיי, אז דער רבי וועט נישט אַרויסגעהן...

דערווייל האָבען די מקורבים געאַרבייט מעשים, אז דער קאָצקער הויף זאָל בעקומען א פּנים פון אַן'עכט־רבּי'שען הויף. מען האָט כסדר געזאַמעלט געלד ביי די חסידים און מען האט צו־געשטעלט איין בנין צום צווייטען. די רייכע חסי־דים, וועלכע האָבען זיך אמאָל געפיהלט אין קאָצק ווי שטיפקינדער, זענען מיט דער צייט געוואָרען דאָס אויבערשטע פון שטויסעל. ווער עס האט געשטעלט מעהר וויין ביים טיש (וועלכען ר' דוד'ל אָדער דער חידושי־הרי"ם האט גע־פיהרט), ווער עס האָט איבערגעלאָזט מעהר געלד די גבאים, ווער עס האט געגעבען א גרעסערען פדיון און פערשריבען א גרעסערען „מעמדות" — דער איז געווען א גרעסערער אדם־חשוב, און אזא איינעם האט מען מעהר מקרב־געווען.

ביז די מקורבים האָבען בעשלאָסען אויסצו־בויען א הויז פאַר דעם רבּינ'ס זוהן, ר' בנימינ'־דעל, דעם חידושי־הרי"מ'ס אייניקעל. די קאָצ־קער רביצין, וועלכע איז געווען דעם חידושי־הרי"מ'ס א שוועגערין, האָט געוואָלט, אז דאָס יונגע פּאָרפאָלק זאָל האָבען א שענע דירה, אזוי ווי עס פּאַסט פאַר די אייניקלעך פון דעם גרויסען וואַרשאָווער גביר ר' משה חלפן, וועמ'נ'ס טאָכטער זי איז געווען. פאַר די פענס־טער פון קאָצקער רבּינ'ס חדר־המיוחד, האָבען זיי בעשלאָסען דאָס הויז צו בויען.

דער קאָצקער רבי, וועלכער פלעגט אָבשטעהן שעה'ן גאַנצע פאַר זיין פענסטער און קוקען אויף די פעלדער, וועלכע האָבען זיך געשפּרייט העט־ווייט ביז צום טייך־צו, אָדער זיך פערטראַכ־טען, קוקענדיג אויף א ווייס וואָלקענדעל, וואָס האָט שפּאַצירט איבער'ן הימעל — האט פּלוצלינג דערזעהן, אז פאַר זיינע פענסטער ווערען אָנ־געלעגט ציגעל און ליים און גויים קומען צו־געהן מיט העק און לאָפּאַטעס און גראָבען גרי־בער. האט דער קאָצקער רבי געפרעגט ר' הירש טאָמאַשאָווער, וואָס דאָס זאָל בעדייטען. אָבער ר' הירש האט איהם קיין קלאָרע תשובה נישט געגעבען, און אזוי ווי דער קאָצקער רבי איז געווען פערנומען מיט אַנדערע מחשבות, האט ער שוין אליין געהאַט אינגאַנצען פערגעסען, וואָס ער האט געפרעגט.

דער קאָצקער רבי פלעגט זעהר אָפט בלייבען זיצען אויף זיין שטוהל, זיך פערטראַכטען און דמיונ'ען, רויכערענדיג זיין לאַנגען ליולקע־ציבּעק, אָנפילענדיג די גאַנצע שטוב מיט רויך. ער פלעגט אזוי זיצען גאַנצע טעג און צו קיינעם קיין וואָרט נישט רעדען. ער פלעגט זיך אַריינגעהמען עפּעס א רעיון אין מוח אַריין און דעם רעיון פלעגט ער אזוי האַלטען א פּאָר טעג און מיט איהם זיך שפּילען און צערטלען, ווי מען צערטעלט א קינד. דערנאָך פלעגט ער דעם רעיון צעגלידערן, שפּאַל־טען אויף דינינקע טיילעכלעך, אַוועקוואַרפען דאָס פּסולת און איבערלאָזען בלויז דאָס קערנדעל, עס אַרומשלייפען און ווידער עס שפּאַלטען, ביז ער האט דאָרט דערזעהן, אז עס ווערט איהם צו נאַרישט דערפיהרען. אז ערגעץ־וואו איז דער רעיון דאָך געוואָרען אָבגעהאַקט און ער קאָן איהם ווייטער נישט טראַכטען, — פלעגט ער דערמאָלט אויף זיך אליין בייז ווערען, געוואָלט די נשמות'דיגע געהירען פון זיין קאָפּ אַרויסרייסען, און פאַר כעס דעם רעיון אינגאַנצען פון זיך אַוועקיאָגען, ווי מען טרייבט פון זיך אָב א בייזע פליג, און ער פלעגט אָנהויבען לויפען איבער'ן חדר אַנ'אויפגערעגטער און א פערמאַ־טערטער.

איינמאָל, אין א שבתצונאַכטס, נאָכ'ן אָבזיצען אזוי פער'דמיונ'ט א פּאָר טעג אויף דער שטוהל, איז דער קאָצקער רבי צוגעלאָפען מיט כעס צום פענסטער, און דאָ האט ער פּלוצלינג דערזעהן, אז פאַר זיין פענסטער שטעהט א וואַנט, אז אין משך פון די פּאָר טעג איז מיטאַמאָל א מויער אויסגעוואַקסען, א מויער, וועלכע פער־שטעלט איהם די ברייטע, רחבות'דיגע פעלדער, וואָס פלעגען נאָך אמאָל בערוהיגען זיין שווערען געמיט. איצט וועט ער שוין אפילו דעם הימעל נישט קאָנען מעהר זעהן...

האָט דער קאָצקער רבי נאָכאַמאָל געפּרובט פרעגען זיין משמש ר' הירש טאָמאַשאָווער, וואָס פאַר א בנין מען שטעלט דאָ אויף, און אז ער האָט אַלץ קיין קלאָרע תשובה נישט בעקומען, האָט ער ביי זיך געהאַט אָבגעמאַכט, אז ער מוז אליין זעהן, וואָס דרויסען קומט־פאָר.

און אין דעמזעלבען אויפדערנאַכט, ווען דער קאָצקער בית־מדרש איז געווען אָנגעפּאַקט מיט יודען, ווי תמיד, און מען האט געטרונקען און געמאַכט מלוה־מלכה'לעך אויף וואָס די וועלט שטעהט — האָט זיך דער קאָצקער רבי אָנגעטהון זיין וואַטענעם שפּענצער, פערדרוקט דאָס שמוישענע היטעל ביז איבער די אויערן, און, נאָכ'ן אָבזיצען כמעט א צוואַנציג יאָהר פער־מאַכט ביי זיך אין חדר־המיוחד, האט ער ענד־ליך בעשלאָסען אַרויסצוגעהן אָנקוקען די וועלט...

דער משמש זייגער, וואָס פלעגט נעבען זיין חדר־מיוחד שלאָפען און איהם היטען, עס זאָל קיין שום שלעכטס נישט געשעהן, דער קאָצקער רבי זאָל זיך, חלילה־וחס, נישט אַרויסכאַפּען פון זיין פערשפּאַרטען חדר און „אָנמאַכען א חורבן", קומען אין פערבינדונג מיט זיינע חסידים — אָט דער משמש זיינער איז דאָס מאָל שטאַרק איינגעשלאָפען... האט דער קאָצקער רבי פריי אַרו־בערגעשפּרייזט זיינע ד' אמות און זיך אַרויסגע־גנב'עט פון זיין חדר. און אָט וואָס ער האָט דערזעהן:

פאַר זיין איינגעפאַלענעם הילצערנעם הייזעל שטעהען בנינים נעבען בנינים. דער גאַנצער פרייער פּלאַץ, וואו ער פלעגט אמאָל מיט זיינע חסידים שפּאַצירען און זיי לערנען סתרי־תורה, דעם נייעם דרך אין חסידות, איז פערבויט גע־וואָרען. די שענע מויערן דערמאָהנען אין א הויף פון עפּעס א פּוילישען פּריץ, און פון אַר־מעטום טראָגען זיך אַרויס געלעכטערס, פרעה־ליכע קולות. מען זינגט, מען טאַנצט און מען הוליעט... איז ער אזוי געגאַנגען ווייטער, ביז ער איז צוגעקומען צום ניי־אויסגעבויטען בית־מדרש. און דאָ האט ער געטראָפען זיצען הונ־דערטער יודען ביי גוט־געדעקטע טישען. מען עסט פיש און פלייש, וויין און מעד גיסען זיך פון די פלעשער, צעהנדליגער יונגעלייט לויפען אַרום אין די ווינקען איבער די טישען און טיילען פּאַרציעס און כסדר הערט מען אַרויס אויסגע־שרייען ווי פון א שענק מיט שיכורים. פון מאָל צו מאָל ווערט שטיל און איינער א חסיד, וועמען דער קאָצקער רבי האט צומאָל נישט געקענט, ווינשט דעם עולם „לחיים" און שרייט־אויס: — עבדו ד' בשמחה. אונזער רבי זאָל לעבען. האט אונז געהייסען זיך משמח־זיין! ער אליין האָט זיך פערשפּאַרט, איז זיך שוין מסגף א צוואַנציג יאָהר און וויל נישט זעהן די שיין פון טאָג, כדי אונז, יודען, אויסצולייזען פון די זינד, כדי פון אונז אַראָבצונעהמען דעם שווערען עול. דערפאַר דאַרפען מיר זיך נאָך מעהר משמח־זיין און ווינשען אונזער רבי'ן אריכת־ימים!... לחיים פאַר אונזער רבי'ן! — האָבען זיך געהערט שכור'ע קולות. מען האט געגאָסען אין זיך פולע קוואָר־טען וויין און מעד...

דער קאָצקער רבי איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר און האט אינגאַנצען געציטערט פאַר כעס. יעדער אבר האט זיך אין איהם געוואָר־פען. אזוי? זיי האָבען זיך געשאַפען א ניי גע־טשעל און עס פערשפּאַרט, — האט ער זיך גע־טראַכט, — זיי האָבען פון מיר געמאַכט אַנ' עבודה־זרה און דינען צו מיר מיט'ן פרעסען און זויפען עמערס וויין... אָט דאָס האָב איך אויפגע־טהון אין משך פון מיינע צוואַנציג יאָהר, וואָס איך בין געזעסען פערמאַכט. איך האָב נאָר געמעהרט פּוסטעפּאַסניקעס. זיי האָבען פּאַלאַצען אויסגעבויט און טהוען־אָב אַלדאָס בייז, און איך, האָפען זיי, וועל שוין אויף דעם אַלעם מכפּר־זיין... אזא שיטה האט מען עס זיי געלערנט...

און מיטאַמאָל, נישט צו וויסען פונוואַנען עס האט זיך גענומען, האט זיך דערהערט אין חלל פון בית־מדרש א געשריי:

— שקצים, נואפים, אַרויס פון דאַנען!... ווער האט אייך געהייסען, איהר קויטיגע ווערים, צו פערדרעהען מיינע ווערטער, אזוי מחלל צו זיין מיין דרך!... —

דער האַלב־שיכור'ער עולם איז מיטאַמאָל גע־וואָרען אויפגעציטערט, אַנ'אימה איז אַלעמען בע־פאַלען. ר' הירש טאָמאַשאָווער און א פּאָר ישי־שים, וועלכע האָבען גלייך דערקענט דעם רבינ'ס קול, האָבען זיך צו דער טיר פון בית־מדרש געשפּאַרט, און דאָ האָבען זיי געטראָפען ליגען דעם רבי'ן אויף דער שוועל א פער'חליש'טען. זיי האָבען נישט געקאָנט פערשטעהן, ווי אזוי דער רבי איז פון זיין חדר אַרויס.

עס איז געוואָרען א גרויסער טומעל צווישען דעם עולם. מען האט דעם רבי'ן באַלד אַריינגעטראַ־גען אין פּאַליש און אָנגעהויבען צו מינטערן. אי־בער גאַנץ קאָצק האט זיך צעטראָגען מיטאַמאָל דאָס קול: דער רבי חלש'ט... אַלע חסידים האָ־בען זיך געריסען צו דער טיר אָנצוקוקען דעם רבי'ן. עס זענען געווען חסידים, וואָס זענען שוין יאָהרען צום רבי'ן קיין קאָצק געפאָהרען און האָבען דעם רבי'ן אַלץ נישט געזעהן. עס האָ־בען זיך געשטופּט פעלדשערס, רופאים, פּיאַווקע־שטעלערס — און אָנגעהויבען דעם רבי'ן צו מינ־טערן. אין א היבשער צייט אַרום האָט דער קאָצ־קער רבי ענדליך געעפענט די אויגען. ער האט אויף אַלעמען געקוקט פרעמד, אזוי ווי ער וואָלט פון הימעל אַראָבגעקומען, און זיין גאַנצער אויס־געדאַרטער גוף האט געציטערט פאַר קעלט. ער האָט דעם קאָפּ געדרעהט אין אַלע זייטען און גע־זוכט מיט'ן בליק, ווי ער זאָל וועלען עפּעס א היימישען מענשען געפינען. נעבען איהם איז גע־שטאַנען ר' הירש טאָמאַשאָווער און א פּאָר אַלטע קאָצקער חסידים. דער רבי האט אויפגע־הויבען דעם קאָפּ און האָט נאָכאַמאָל געוואָרפען א בליק אויף די אַלע, וואָס האָבען זיך געפונען אינ'ם גרויסען בית־מדרש, און האט געגעבען א געשריי: „די וועלט שטינקט!" און ער איז ווייטער געפאַלען אין חלשות...

מען האט דעם רבי'ן אַריינגענומען אין זיין חדר־מיוחד, מען האט געשיקט רופען נאָך דעם גויי־שען דאָקטאָר, און נאָך שווערער מיה, פּאַרטאָג, האט מען דעם רבי'ן אָבגעראַטעוועט. אָבער פאַר'ן אַוועקגעהן האט דער דאָקטאָר געזאָגט, אז דער רבי איז געפעהרליך קראַנק. „אז איהר וועט תפילה־טהון צו גאָט — האט ער געזאָגט צו די חסידים, — וועט איהר איהם אפשר קאָנען דערהאַלטען ביים לעבען"...

די האַלב־שיכור'ע חסידים האָבען זיך אַלע אַריינגעריסען אין בית־מדרש אַריין, און צווישען די פיל אויסגעלעדיגטע פלעשער וויין און מעד, צווישען די טעלערס פליישען און פערשידענע אַנדערע מאכלים, וואָס זענען געבליבען שטעהן אויפ'ן טיש, האָבען זיי אָנגעהויבען צו זאָגען תפילות... יעדע פּאָר מינוט איז אַריינגעקומען עפּעס א שטאָדטישע יודענע מיט א כאַפּטע זוי־בער „איינרייסען" אין ארון־קודש אַריין. און אזוי ווי עס איז נאָך טאָג געוואָרען, האָט מען גע־שיקט א שליח־מיוחד קיין וואַרשא מיט א בריוו־על צום חידושי־הרי"ם, ער זאָל, למען־השם, באַלד קומען צופאָהרען קיין קאָצק...

דער מהרש"א און דער אַרענדאַר

(פון די אָסטראָה'ער פאָלקס מעשה'לעך)

ווען דער מהרש"א האָט זיך געהאַט גענומען בויען די „עזרת־נשים" ביי דער גרויסער שוהל אין אָסטראָה, איז קיין געלד נישט געווען. האָט דער גאון אַרויסגעלאָזט א כרוז, וואו ער האט געמאָלדען, אז דער, וואָס וועט געבען דעם סכום געלד, וואָס עס דאַרף בעטרעפען דאָס אויס־בויען דעם עזרת־נשים — דער וועט לעגען דעם ערשטען שטיין.

דער כרוז איז צעשפּרייט געוואָרען בכל תפוצות־ישראל, אָבער קיין בעלן אויף איינצוצאָהלען אזא גרויסען סכום האט זיך נישט געפונען.

ס'זענען אריבער טעג און חדשים, און דאָס בויען האט זיך נישט אָנגעהויבען.

ויהי־היום — ערב־פּסח איז דאָס געווען, ווען פיל אַרענדאַרען פון די אַרומיגע דערפער זענען געקומען קיין אָסטראָה קויפען מצות אויף יום־טוב, האט איין אַרענדאַר, א בעל־גוף, געהערט וועגען דעם כרוז און עס האט איהם נישט געלאָזט רוהען. ס'האט זיך איהם זעהר געוואָלט אַנטייל־נעהמען אין דעם הייליגען בנין און לעגען דעם ערשטען שטיין.

האָט דער אַרענדאַר לאַנג נישט געקלערט, און אזוי ווי ער איז געקומען קיין אָסטראָה קוי־פען מצות — איז ער פריהער אַוועק צום מהרש"א און געזאָגט, אז ער איז גרייט צו שענקען דעם גאַנצען סכום אויף אויסבויען די עזרת־נשים.

דער גאון האט א קוק־געטהון אויפ'ן אַרענ־דאַר און האט מיט איהם קיין איבעריג וואָרט נישט גערעדט, נאָר זיך אָבגערופען:

— זייט אזוי גוט און לעגט מיר אַוועק דאָס געלד.

דער אַרענדאַר איז תיכף געפאָהרען אין דאָרף אַריין און נאָך באותו יום געבראַכט מיט גרויס שמחה דעם גאַנצען סכום, ווי דער גאון האט איהם געהייסען.

זעהר פרעהליך איז יענער פּסח געווען ביים אַרענדאַר, ווייל ער האָט געפיהלט, אז ער האָט געטהון א גרויסע מצוה...

דער פּסח איז בשלום אריבער. דער גאון האט באַלד צונויפגערופען אַרבייטער און זיי אַוועקגעשטעלט צו דער אַרבייט — בויען די עזרת־נשים...

ווי ערשטוינט זענען אָבער אַלע געוואָרען, ווען מען האָט דערזעהן, אז דער מהרש"א נעהמט אליין און לעגט־אַוועק מיט זיינע אייגענע הענד דעם גרונד־שטיין, וויסענדיג די גאַנצע געשיכטע מיט'ן אַרענדאַר, וועלכער האָט דעם סכום געלד צום מהרש"א געבראַכט און עס איבערגעלאָזט אויף צו בויען. נאָר ווער וועט זיך עס איינשטעלען און פרעגען דעם גרויסען צדיק: פאַרוואָס?...

דאָס בויען די עזרת־נשים וואַקסט מיט יעדען טאָג. אַלע איינוואוינער פון שטאָדט נעהמען אָנטייל אין דער אַרבייט. מען טראָגט ציגעל, שטיינער, זאַמד, ליים און וואַסער.

ויהי־היום, אין מיטען די ספירה־טעג, קומט צופאָהרען גלייך צום מהרש"א'ס הויז דער אַרענ־דאַר. ער געהט גלייך אַריין צום גאון און וויינט בדמעות־שליש: „סטייטש, הייליגער רבי, איך האָב דאָך מיינס מקיים־געווען. איך האָב אייך גענע־בען דעם גאַנצען סכום, ווי איהר האט אליין אויף מיר גוזר געווען — טאָ פאַרוואָס־זשע, רבי, האט איהר מיר נישט געלאָזט וויסען, אז דאָס בויען הויבט זיך אָן, כדי איך זאָל קומען לעגען דעם ערשטען שטיין?...

ווי א קליין קינד האט דער אַרענדאַר געוויינט.

פּלוצלינג האט זיך דער גאון ווי אויפגעכאַפּט און זיך געווענדעט צום אַרענדאַר:

— הערט מיך אויס, מיין ליבער יוד, וואָס איך וועל אייך זאָגען, נאָר הערט־אויס מיט קאָפּ: איהר האָט דאָך קיין קינדער נישט און אייער ווייב וויל דאָך א זוהן — טאָ בין איך אייך מבטיח, אז אייער ווייב וועט היינטיגעס יאָהר אייך א זוהן געבוירען, א קדיש...

דער אַרענדאַר איז פון דעם צדיקס ווערטער געוואָרען ביי זיך שטאַרקער און נישט־לאַנג קלע־רענדיג האָט ער זיך אָבגערופען צום גאון:

— אויב אזוי, רבי, וויל איך, אז מיין זוהן, וואָס ס'ווייב וועט מיר געבוירען, זאָל זיין אזוי ווי איהר, רבי, אליין...

דער גאון האט זיך ווידער שטאַרק פער'מוח'ט, ווי ער וואָלט כלל נישט געהערט די ווערטער פון דעם פּראָסטען ישוב'ניק...

געוואוסט האט דער מהרש"א, אז אויב עס קומט א נייע נשמה אויף דער וועלט און ווערט נתגלה — מוז די עלטערע נשמה דער יונגערער אָבראַמען דעם וועג...

און דער גאון האט זיך אָבגערופען:

— וואָלט איהר אָבער וויסען־זיין, מיין ליבער יוד, אז ווען אייער זוהן וועט ביי אייך געבוירען ווערען — וועט איהר מיט אייער ווייב מוזען אַוועקגעהן פון דער וועלט...

דער אַרענדאַר האט זיך אָבער כלל נישטגע־שראָקען און האט דערויף מסכים געווען...

דער גאון האט געזעהן, אז דער אַרענדאַר איז נישט מוותר אויף קיין האָר און ער שטיי־פעט איין אויף אַלץ, האט ער זיך אָבגערופען:

— יאָ, מיין ליבער יוד, איהר זענט מסכים; ס'איז דאָך אָבער א פראַגע, צי אייער פּלונית־טע וועט אויך דערויף איינגעהן. איבער איהרע יאָהרען האָט איהר דאָך כלל קיין דעה נישט. דאָס איז שוין געווענדט אַן איהר...

האט דער אַרענדאַר געבעטען ביים צדיק רשות, צו פאָהרען אויף א טאָג אין דאָרף אַריין און אָנפרעגען ביי זיין ווייב...

(סוף אויף זייט 1).

אפרים קאגאנאווסקי

דער מאַן

דורך די פערציקער יאָהר, זינט ער איז פער־בונדען מיט זיין ווייב, זענען זיי שוין דורכגעגאַנגען א גאַנץ לעבען. זיי האָבען שוין געהאט צוויי קינדער, האָבען שוין געטוישט דאָס לאַנד, די וואוין־שטאָדט און פיל דירות. ער האָט שוין גע־קרענקט און זי האָט שוין געקרענקט. און הונדערטער טעג און נעכט האָבען שוין דורכגעצויגען אין א לאַנגזאַמער גרויער פּראָצעסיע. יאָהרען האָבען זיך פערביינעטראָגען אָט ווי די וואָלקענס אויפ'ן הימעל און קיין שום זאך האָט נישט פערהאַלטען דעם לאַנגזאַמען מאַרש.

ער האָט געאַרבייט, געהאַט ערפאָלגען, דורכפאַלען. די קינדער זענען געוואַקסען, האָבען געקרענקט, זענען געזונד געוואָרען. עס זענען געקומען שווערע טעג און נעכט. און אויך ליכטיגע און האָפנונגספולע מאָמענטען האָבען זיך אָנגעטראָגען. זומער איז זי געפאָהרען מיט די קינדער אויף זומער־וואוינונג, וואוהין ער איז געפאָהרען יעדען טאָג און אומעטום, וואוהין עס האָט איהם פערטראָגען, האָט ער זי געפיהלט נעבען זיך; האָט ער זי געזעהען, האָט ער געהערט איהר שטים.

אַלץ, וואָס ס'איז געווען פאַר איהר, האָט זיך אָבגעשניטען און אָראָבגעפאַלען אין ערגעץ א פערגעסענער ווינקעל, גלייך ער וואָלט קיינמאָל פריהער נישט געלעבט.

ער האָט אָפט געקלערט און זיין געדאַנק האָט זיך ארויסגעריסען פון דער ארומגעצוימטער אָבגעגרענעצטער שטייג פון זיין היים. ער האָט געלוסט, געחלומט וועגען קאַטאַסטראָפען און טרייסלונגען וואָס קומען פאַר מיט מענשען און ער האָט די מענשען געזעהען אין זיין זינען ווי בעשעפענישען פון עפּעס אַנ'אַנדער וועלט, ווי פון אַנ'אַנדער פּלאַנעטע. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אויף די גאַסען, וואו ער געהט צו זיין בעשעפטיגונג, אין דעם הויז, וואו ער געפינט זיך מיט זיין ווייב, זענען די מענשען מיט די פּאַסירונגען נישט־טאָ.

די לעצטע עטליכע יאָהר זייט ער האָט אָנגעהויבען געפינען וואָס אַמאָל גראָהערע האָר ביי די זייטען שלייפען, פלעגט ער אין אָנהויב דערפיהלען אַנ'אומרוהיגקייט און א פערלאַנג עפּעס צו פערכאַפּען; עפּעס אזוינס, וואָס מ'קאָן פערשפּעטיגען. דערמאָלט האָט איהם דאָס ווייב אונטערהאַלטען; זי האָט איהם געוויזען אויף איהרע גראָהע האָר, וואָס האָבען פערקעהרט, און איהם דערוועקט א געפיהל פון פרייליכער רוהיגקייט און צאַרטקייט. זי האָט איהם איבערגעלאַכט מיט עפּעס א כוח, פון וועלכען ער האָט בעקומען צוריק די גלייכגעוויכט, גלייך זי וואָלט געוואוסט פון עפּעס א פריידיגען סוד, אַז אין גראָהע האָר ליגט בעהאַלטען עפּעס גוטעס און גוטיגעס.

ער האָט זיך געפּרובט קלאָגען אויף עפּעס אוועקגעגאַנגענעם, אָבער זי האָט איהם איבערגעלאַכט:

— אַזוי דאַרף זיין... מען דאַרף ווערען עלטער... מען ווערט דערפאַהרענער... רוהיגער...

און ער האָט די ערפאַהרונג געפונען בלויז ביי איהר. ער האָט שוין איצט גאָרנישט געוואוסט. און איהם האָט זיך מינוטענווייז, פערקעהרט, אויסגעוויזען, אַז ער האָט פערלוירען א שטיק פון זיין מאָרך, און זאַכען, וואָס זענען געווען פאַר איהם קלאָר, האָבען יעצט אָנגענומען פאַר איהם נעפּלדיגע געשטאַלטען, אָדער זענען אינגאַנצען פערשוואונדען פון זיין זכרון. איהם האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען שרעקען, אָבער אַלץ ווייניגער האָט ער זיך מיט איהר געקאָנט צונויפרעדען וועגען זיינע קוועלונגען. ער האָט אָנגעהויבען קוקען מיט שרעק אויף איהר טאָהנט פּנים און די שטילקייט צווישען מאַן און ווייב איז געוואָרען א טיפע און אַנ'אָנגעשטרענגטע. פאַר איהם האָט זיך אויסגעשטעלט א נאַקעטע קלאָרקייט, אַז זי איז א צופעלינקייט אין זיין לעבען; אַז א חוץ איהר האָט ער געהאַט בעקאַנטשאַפטען, וואָס האָבען איהם געטראָגען און געוועקט, אַז ער האָט געהאַט האָפנונגען וועגען נישט קלאָרע גליקען, וועלכע ער האָט פערלוירען אויפ'ן וועג, נישט פיהלענדיג עס. א שטילע שנאה האָט זיך אויפגעהויבען אין איהם געגען איהר און א בענקשאַפט און רחמנות צו זיך אַליין.

אַלץ אָפטער האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם אויפגעלאָזטען שטיק פון זיין לעבען און איהם האָט אָנגעהויבען חלומען, אַז זי, דאָס ווייב, אָט דער איינציגער מענש, וואָס איז אַזוי צוגעוואַקסען צו איהם, האָט איהם אָבגענומען און בענ'גנב'עט. דאָס איז געווען א שווערע און פערפּלאָנטערטער רעכענונג, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אויפלייזען, און א פערטאַמעטער דורך די שלאָפלאָזע נעכט און אומעטיגע טעג, האָט ער אָראָבגעלאָזען די הענד און האָפנונגסלאָז געקיומט.

ער האָט אָנגעהויבען אויסבעהאַלטען פאַר איהר זיינע קוועלען, איהם האָט זיך איצט געדאַכט, אַז ווען זי זאָל וויסען זיינע געדאַנקען — וואָלט זי טריאומפירט איבער איהם ווי א שונא. און איינס איז פאַר איהם קלאָר געוואָרען: אַז אַלע זיינע האָפנונגען ליגען בעהאַלטען הינטער איהר, זענען פערשטעלט דורך איהר. און ווען זי זאָל נישט זיין נעבען איהם — וואָלט עפּעס אויפגעהאַנגען, אויפגעשטראַהלט און ארום איהם וואָלטען זיך געעפענט ווענט, ליכטיגע און ברייטע.

פון דער מינוט אָן האָט ער מיט א כיטרער איינגעשפּאַרטקייט אָנגעהויבען בויען א פּלאַן וועגען איהר אָפּפאָהרען. ער האָט מיט איינגעשפּאַרטער קאָנסעקווענץ איבערגעצעהלט אַלע מעגליכקייטען. ער האָט אויסגעשפּינט א געביי וואו ס'זענען געווען אַריינגעצויגען אַלע מעגליכקייטען און אוממעגליכקייטען פון איהר אָפּפאָהרען אויף א לענגערער צייט. ער האָט אויסגעשפּינט געוואַגטע ליגענס ארום איהר. ער האָט געשאַפען א קונסט־פּיצירטע מאַשין, וואו ס'זענען אַריינגעפיהרט געוואָרען דינגע, קליינינקע שרייפעלעך. ער האָט געשאַפען סיטואַציעס, וואָס זאָלען פיהרען צו איהר אָפּפאָהרען, ער האָט פערלייקענט אָדער צוגעגעבען מעגליכקייט פון דורכלעבען און געפיהרט מיט איהר לאַנגע געשפּרעכען דורך די נעכט. ער האָט מיר געמאַכט אַלע איהרע פּראַקטישע אָבוועגונגען. ער איז משוגע געוואָרען אויף דעם איינעם בריענענדיגען פערלאַנג, אַז זי זאָל זיין ווייט פון איהם. ער פלעגט זיך פערטראַגען ווי אין א זיסען חלום, און זעהען זיך אַליין, א בעהאַפטענעם מיט זיין פריהערדיגע לעבען, וואָס האָט אין די מינוטען איבערגעליצט פאַר איהם, גלייך ווי עס וואָלט איהם גערופען. און אין די לעצטע טעג, ווען איהר אָבפאָהרען איז שוין געווען בעשטימט, האָט ער גאָר נישט פערלאַנגט פאַר זיך. איהם האָט זיך געוואָלט, אַז זי זאָל גאָרנישט איבערלאָזען פון דעם גאַנצען בעקוועמען אַפּאַראַט, וואָס זיי האָבען געשאַפען דאָס גאַנצע לעבען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט זיך איהם איינגעגעבען זי אָבצונאַרען. ער האָט געפיהלט די זיסקייט פון א גרויסען פערראַט, און האָט קוים בעהערשט דאָס צאַפּלען פון זיין האַרץ אויס מורא, אַז זי זאָל נישט דערהערען זיין צאַפּלענדיגע דערוואַרטונג.

[illegible]

און אָט איז ער געבליבען אַליין. אַליין, ווי ער האָט געוואָלט, אין א פריהלינגס־אָוונט, אַליין מיט זיך, מיט א גרויסער, ברייטער, פרייער וועלט.

ער האָט געקוקט אויף דער שוואַרצער, אייזערנער פּלייצע פון'ם צוג, וואָס האָט זי אַוועקגעטראָגען אין דער ווייט, אין אַנ'אַנדער שטאָדט. ער האָט געאָטעמט שווער, ווי ער וואָלט איבערגעפיהרט א מאַסע איבער א גרויסען שטח. איצט האָט ער זיך אויסדרעהען און לויפען, לויפען צו א פערשפּעטיגטער, ליכטיגער זאַך. איהם האָט זיך געוואָלט צוריקען צו זיך אַליין און בעהעפטען זיך מיט זיין איבערגעריסען שטיק לעבען.

זיינע אויערען האָבען זיך ווי אויפגעשטאָפּט, פון א טויבקייט. ער האָט האַסטיג א שפּאַן געטאָהן, איהם האָט זיך שוין געוואָלט אַוועק און ווייטע גאַסען, וואו ער איז שוין זייט יאָהרען נישט געווען. גייט זענען זיי געווען די גאַסען, וואו ער האָט געשפּאַנט אין זייער יוגענד. צערטליכער נעמען פון מענשען האָבען זיך א שפּאַר־געטהאָן אין זיין מוח, מענשען, וואָס ער האָט בעגעגענט לאַנג, לאַנג, און עפּעס א זאַנדערבאַרער ליכט פון א געוועזען לעבען.

ער האָט געשפּאַנט דורשטיג, ער איז געגאַנגען אָהן א ציל. און כאָטש ער האָט קיינעם נישט געפונען האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ערגעץ וואַרט מען אויף איהם מיט אויסגעשטרעקטע הענד.

א מידער, אין דער שפּעטער נאַכט, איז ער אריין אין דער פינסטערער שטוב, אין דער היים, וואָס ער האָט צוזאַמען מיט איהר, מיט'ן ווייב, אויפגעבויט. און דאָ, ווען ער האָט פערמאַכט די טהיר, איז אויף איהם מיט אַמאָל אָנגעפאַלען אַנ'אימה. ער האָט איצט דאָ דערפיהלט, אַז הינטער איהר איז געווען בעהאַלטען אָט די לעדיגע שרעק.

און ער האָט מיט א נייער שאַרפקייט דערפיהלט, אַז זי האָט דאָ עפּעס איבערגעלאָזען, אַז ער איז נישט אַליין אין דער שטוב, און איהר שטוב, אַז די שטוב איז פול פון עפּעס א שרעקליכען היימער, אַז דאָ, אין דעם ווינקעל, איז ער אָבגעשנייטען פון דער גאַנצער וועלט און מיט איהם וואַרט דער טויט.

ער האָט שוין מעהר נישט געוואוסט קיין ווענט. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זי האָט מיטגענומען מיט זיך זיין לעבענס־כח. א מידער אין דער טיפער נאַכט איז ער איינגעשלאָפען, ווי א פערטאַמעטע קינד. אָהן חלומות. און איבער איהם האָט שטרענג געוואַרט א גרויסער, ווילדפרעמדער און איבערגער — דער גורל, דער גורל פון א מאַן...

דער מהרש"א און דער ארענדאַר

(פון די אָסטראָה'ער פאלקס מעשה'לעך)

(סוף פון זייט 10)

דער מהרש"א האט איינגעשטימט און דער ארענדאַר איז אָבגעפאָהרען.

אויפ'ן צווייטען טאָג, כאור־הבוקר, איז דער ארענדאַר צוריקגעקומען צום גאון מיט דער תשובה און א שמייכעל פון צופרידענקייט האט געשוועבט איבער זיין פּנים:

— גרויסער רבי, איך האָב מיין ווייב איבערגעגעבען אַלץ, ווי איהר האט עס מיר אָנגעזאָגט און אויך איהר געזאָגט וועגען אייער וואַרענונג, אַז ווען אונזער זוהן וועט געבוירען ווערען — מוזען מיר ביידע שטאַרבען... מיין ווייב האט לאַנג נישט געטראַכט און כהרף־עין מסכים געווען...

דאַן האט דער גאון אויפגעהויבען ביידע הענד און געזאָגט:

— מיין ליבער יוד, איהר האָט אַנ'אשה־כשרה, פאָהרט־זשע בשלום אהיים און גאָט זאָל אייך מזכה־זיין היינטיגעס יאָהר מיט א זוהן...

* * *

מיט גרויס שמחה איז דער ארענדאַר צוריק אין דאָרף אריין געפאָהרען אָנזאָגען די גרויסע בשורה זיין ווייב און דערצעהלען, ווי אַזוי דער צדיק האט זי אָנגערופען

דער־בנין פון דער עזרת־נשים ביי דער גרויסער שוהל געהט דערווייל מיט זיין געוועהנליכען גאַנג. אַלע ארבייטען. אָבער מיטאַמאָל האט דער גאון גענומען טרייבען די ארבייט און אַלעמען געאיילט, מ'זאָל וואָס־שנעלער פערענדיגען דעם בנין...

מ'האט געזעהן בחוש, אַז דער מהרש"א איילט זיך עפּעס... אויפ'ן בעפעהל פונ'ם גאון האט מען צוגעשטעלט נייע ארבייטער, און געארבייט האט מען מיט די לעצטע כחות...

עס זענען שוין אריבער ניין חדשים פון יענער צייט, ווען דער ארענדאַר איז דאָס לעצטע מאָל אָבגעפאָהרען פון גאון'ס הויז.

און אָט איז דער ארענדאַר געקומען צופאָהרען צום מהרש"א מיט גרויס שמחה און געבעטען דעם מהרש"א, ער זאל זיין סנדק ביי זיין ניי־געבוירענעם זוהן...

דער גאון האט געענטפערט מיט צופרידענהייט:

— א דאַנק השם־יתברך — די עזרת־נשים איז שוין פערענדיגט און איך קאָן שוין רוהיג פאָהרען אויפ'ן גרויסען ברית...

ווען די אָסטראָה'ער חושבים האבען געזעהן, אַז דער מהרש"א בכבודו־ובעצמו פאָהרט אין דאָרף אריין אויפ'ן ברית — זענען פיל מענשען מיטגעפאָהרען און א טייל זענען אפילו צו־פוס געגאַנגען...

ביים ארענדאַר אין דאָרף איז דער ברית געפּראַוועט געוואָרען אויפ'ן שענסטען אופן. נישט יעדער האט דאָך אזא זכיה, אַז דער מהרש"א זאל זיין ביי איהם אויפ'ן ברית און נאָך אליין פּראַווען סנדקאות — — —

דברי־תורה האבען זיך געטראָגען פון אַלע זייטען...

צו־ענג איז געווען דעם ארענדאַר'ס שטוב פאַר אזא גרויסען עולם אורחים, איז דעריבער געפּראַוועט געוואָרען די גרויסע ברית־סעודה אונטער'ן פרייען הימעל, אויפ'ן ברייטען פעלד...

נאָכ'ן ברית האט זיך דער גאון געזעגנט מיט דעם בעל־ברית'ניק און איהם אָנגעזאָגט, למען השם אריבערצופאָהרען מיט זיין בני־בית וואוינען אין שטאָדט אריין.

דער גאון האט געהייסען צו זיך ברענגען ניע ס„רך־הנימול" און מען האט איהם דאָס קינד צוגעטראָגען אין א קישעלע. דער מהרש"א האט לאַנג געקוקט אויפ'ן קינד, צולעצט האט ער עס א קוש־געגעבען אין שטערן און איז אָבגעפאָהרען.

דער ארענדאַר האט מקיים־געווען דעם צדיק'ס אָנזאָג און אין עטליכע טעג ארום האט ער זיך מיט זיין בני־בית איבערגעצויגען קיין אָסטראָה.

פונקט צום יאָהר איז געשטאָרבען דער ארענדאַר, דער פאָטער פונ'ם קינד, און אין א האַלב יאָהר ארום — נאָכ'ן אַנטוועהנען דאָס קינד — איז געשטאָרבען די מוטער...

דאָס קינד איז ערצויגען געוואָרען אין שטוב פון דעם מהרש"א.

א גאונ'ישען קאָפּ האט דאָס קינד געהאַט. פון טאָג צו טאָג האט מען אין איהם מעהר גרויסקייט און חריפות געזעהן...

דער מהרש"א אַליין האט מיט איהם געלערנט.

ווען דער יתום איז אַלט געוואָרען צוועלף יאָהר, האט ער, על־פי־דין, אָנגעהויבען לעגען תפילין. דער מהרש"א האט געפּראַוועט א גרויסע סעודה און דער בר־מצוה אַליין האט געהאַלטען א דרשה. פלאַמען פייער האָבען פון זיין מויל געשפּריצט...

ווען דער יתום איז אַלט געוואָרען דרייצעהן יאָהר, איז דער מהרש"א נסתלק געוואָרען. פאַר דער פּטירה האט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל איהם לעגען נעבען קבר פונ'ם ארענדאַר, דעם יתומ'ס פאָטער...

אין א קורצער צייט ארום איז דער יתום נעלם געוואָרען, און ביז'ן היינטיגען טאָג ווייס נישט קיינער, וואָס מיט איהם איז געשעהן...

י. פינקעלשטיין

אונטער פיר אויגען

חשובע רעדאַקציע!

אלס א טרייער לעזער פון אייער צייטונג בעט איך אייך, אַז איהר זאָלט אָבדרוקען דעם האַזיגען בריף און זאָל מיך די עפענטליכקייט משפּט'ן פאַר מיינע לייכטזיניגע מעשים:

איך בין א מענש אין די מיטעלע יאָהרען, דערצו זעהר א לייכטזיניגער, ביז צו מיין חתונה, בין איך געווען זעהר ארבייטסזאַם, ערליך און קיינעם קיין שלעכטס נישט געטהאָן. איך האָב געהייראַט, זעהר גליקליך. איך בין צופרידען געווען און מיין ליבע פרוי האט מיך אויך זעהר ליב געהאַט, צוויי יאָהר נאָך דער חתונה האט מיין פרוי געבוירען א קינד. זי ערציהט דאָס קינד אויף דעם בעסטען אופן, פאַר מיין נדן האָב איך געעפנט א קליינעם וואַרשטאַט, עס וואָלט מיר גאַנץ גוט געווען, ווען נישט די ווישטשיגעס. אין א געוויסען טאָג האָב איך בעגעגענט מיינעם א קאָלעגע און ער האט מיר פאָרגעלעגט, אַז איך זאָל מיט איהם מיטגעהן אויף די ווישטשיגעס.

איך בין מיט איהם מיטגעגאַנגען, און יענער טאָג, האט מיך דערפיהרט צום אָבגרונד, איך האָב אַלץ פערשפּילט, איך האָב מיין וואַרשטאַט פערקויפט און מיין פרוי און קינד האָבען בעדאַרפט אַנקומען צו איהרע עלטערן נאָך שטיצע. איך האָב אַלץ פערשפּילט, און דאָס האט מיך דערפיהרט דערצו אַז איך האָב מיין פרוי תמיד גענאַרט, איך האָב געוואָלט דאָס זי זאָל קיין פערדאַכט אויף מיר נישט האָבען. איך האָב איהר שטענדיג פאַלשע תירוצים געזאָגט.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך בין געוואָרען א שווינדלער, א גנב און אַנ'אויסוואורף, איך בין אריין אין א טיפער זומפּ. אַלע האָבען מיך פערלאָזט, איבערהויפּט מיין פרוי נאָך וועלכער איך בענק שטאַרק און אויך נאָך מיין טייער קינד.

איך בין ארומגעגאַנגען אָהן מיטלען צום לעבען און אָהן א היים. איך בין אויסגעגאַנגען צעבראָכען געוואָרען. איך האָב קיין אַנדער אויסוועג נישט געזעהן אָהן נאָר צו בעגעהן זעלבסטמאָרד. איך האָב זיך אַזוי געמאַטערט 3 יאָהר אומענדע האָב איך געזעהן, אַז ווען איך וואָלט געהאט געלד וואָלט איך געקענט מיין היים צוריק אויפבויען, האָב איך בעשלאָסען אויף א שווינדלערישען אופן ארויסצוקריגען מיין חבר'ס געלד (דאָס געלד איז אויך נישט געווען זיינס) און בין ווייטער געגאַנגען שפּילען, איך האָב גערעכענט, אַז איך וועל געווינען און דער סוף איז געווען, אַז איך האָב דאָס גאַנצע געלד פערשפּילט. איך בין בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, האט מען מיך אָבער אָבגעראַטעוועט. נאָך גרויסע מיה האָב איך ענדליך בעקומען ארבייט און איך פערדין צו ביסלעך. איך וויל, אַז מיין פרוי זאָל מיר מוחל זיין מיינע פערברעכען, אָבער זי וויל נישט.

איך פרעג דעריבער: וואָס זאָל איך טהון? צי איז מיין פרוי גערעכט, וואָס זי וויל מיר נישט מוחל זיין. אדרבא, ענטפערט ה' רעדאַקטאָר.

אַנ'אומגליקליכער מענש.

תשובה:

איהר זענט באמת אַנ'אומגליקליכער מענש, איהר דאַרפט אָבער פערשטעהן אייער פרוי און איהר מורא פאַר אייך. א מענש, וואָס איז פעהיג צוליב ווישטשיגעס צו ווערען א שווינדלער און א גנב קאָן נישט ארויסרופען צו זיך קיין צוטרוי. אָבער מיר ווייסען עס פון לעבען גופא, אַז יעדער מענש קאָן זיין א חוזר־בתשובה, אַז יעדער קאָן צוריק ווערען אַנ'ערליכער מענש און דעריבער דאַרף אייער פרוי אייך מוחל זיין. זי דאַרף מאַכען מיט אייך דעם לעצטען פּרוב. אפשר מיינט איהר מאַכט אַלץ ערליך. פרובט איהר איבערלייענען אייער בריף און אונזער תשובה, רעדט זיך מיט איהר אדורך און מיר מיינען, אַז זי וועט זיך לאָזען איבערבעטען. איהר מוזט אָבער שטרענג האַלטען אייער צוזאָג און בעקעמפען אין זיך אייערע נייגונגען. אויב איהר וועט נאָכאַמאָל אויפטהון די זעלבע טהאַטען וועט איהר באמת זיין א פערלוירענער מענש אויף שטענדיג.

הומאָר, שאַרזש און קיבעץ פון מ. נאָדעלמאַן

אויפ׳ן קבר פון אַ דיקטער

עס רוהט
די מידע גלידער דא —
א דיקטאָר, א זשעני,
וואס איז
פון אונזער
וועלט אוועק
א בוסעלע
צו־פריה.

ער האָט אויף זיך
זיין האנד געלעגט
האט איינגענומען
סם.
געפעהלט האט איהם
א קלעפקע וואו,
און, אפשר גאר —
א גראם.

בפירוש...

אויף וויענעבאָוואַ גאס איז ערשט ניט לאנג צוריק אויפגעפענט געוואָרען א נייער פאָסט־אמט.

געהט אריין א יוד אין דער דאָזיגער פאָסט און פרעגט זי ךאוינעם:

— כ׳בעט אייך צו איז שוין אפען די דאָזיגע פאָסט?

— אוודאי איז זי אפען — ענטפערט יענע — איהר זעהט דאך בפירוש, אז עס הענגט אויף די פענסטערלעך אנ׳אויפשריפט „זאמקניענטע".

איבערבלייבעכ׳ן פונ׳ם פלאָושע־סעזאָן

— זעהט נאר פאניע גאָלדבערג, וויפיעציג איהר זענט!

— נו איז וואס׳זשע? איך מיין, אז איהר זענט שמיציגער פון מיר?!

— טו מילא, בין איך דאך עלטער פון אייך!

מענדעל זיצט אין קראשינסקי׳ס גארטען מיט דער פאניע בראָנמשע.

עס פאלט צו די נאכט. מענדעל ווערט „ראָמאנטיש" געשטימט און נעהמט ארום די פאניע בראָנטשע.

— בראָנטשעלע — זאגט ער צו איהר — זי ווילען זיין מיינע?

— טשעפע זי זי דאָב — ענטפערט בראָנטשע — כ׳האָב איהם שוין יענע וואך געזאגט, אז כ׳וויל נישט!

— אזוי? פּשעפּראשאם, כ׳האָב נישט געדענקט, אז זי זענען עס געווען.

היינטיגע וואך — אהן סענדער־מעבלען!

אונזער סענדער־מעבעל דרעהט זיך ארום און קען נישט לעצטענס זאגען קיין וויצען. ער האט א פערדרעהטען קאפ.

ער האט לעצטע וואך געזאגט א בעקאנטען זייגעם, וועלכער פערמאגט א הויז, אז דאס הויז געפעלט איהם, האט ער מורא, אז יענער זאל איהם, חלילה, נישט אוועקשענקען דאס הויז!

מען שמועסט...

די וואלוטע־בערזע שמועסט מען, וואט פון יעצט אָן שוין זיין אפען נישט מעהר ווי 5 מאל א וואך, אבער די וואלוטשאַזשעס אהרט עס נישט.

פינף טעג אין דער וואך, זאגען זיי, איז גאנץ גענוג צייט צו פערלירען די הויזען!

ער האט זיך געלאזט בעראשטשפענז פ׳מזיד!

— נאדיר 3 מיליאן מארק און מאך א שוויינ!

פאַרדראָבט

[פון דער סעריע; „צו איינער אַ בלאָנדער"]

צו האָבען אזעלכע
אויגען,
אזעלכע ציינדלעך און
העגער,
דאך זיין אזוי וואוילע
ערצויגענ,
און איידעל, און אינ-
טעליגענט;
צו זיין אזוי בלאָנד און
יונג, און
פול מיט הומאָר, און
נעט,
דאך האלטען אזוי דעם
צונג, און
עקזייגען זהען שמיצער
רעחט —
דאס איז הנך (כ׳דענק, אז
דו ווייסט
געבנג זיין צו זאגען)
פערעסטיג!
אבער, כ׳בעט איבער דאָגג
כבוד,
א שמאָל ביסעל אייך
פערדעכטיג!

אין אויטאָבוס „צע"

אין אויטאָבוס „צע" איז א געוואלדיגער געדראנג. איינער קוועטשט זיך אויף צווייטען. פלוצלונג הערט זיך א געשריי:

— וועמענס פוס איז דאָס?

קיינער ענטפערט נישט.

— וועמענס פוס איז דאָס? — הערט זיך ווידער א געשריי — קום זאגט מען נישט, זעץ איך מיך אויף איהם אַרויף!

דאַ דערהערט זיך שוין א שטימע:

— טהוט א קוק זייט־זשע מוחל, אויב מ׳דארף שוין האָבען האַלבע זויגען מיט אָכצאָגען, איז עס מיין פוס!

יודען שמועסען

זאג מיר, מענדעל, וואס איז דאס אזויגס די רעוואָלוציע פון דאלאר?

— דו ווייסט נישט, וואס אזויגס עס אין רעוואָלוציע?

— ניין, כ׳ווייס נישט!

— איך ווייס אויך נישט.

— דו ווייסט נישט? טאָ וואָס ביזטו ביין וואס איך ווייס נישט?

— דערפאר, ווייל אז איך ווייס נישט, פרעג איך זיך כאָטש נישט!

סדרה־היטלער

לויט דער פאָראָרדנונג פון דייטשען בילדונגס־מיניסטעריום זענען די לעהרערס אין די שולען מחויב צו קאָנטראָלירען אויף וויפיל די שילער האָבען זיך לעצטענס איבערגענומען מיט׳ן גייסט פונ׳ם נייעם רעזשים.

אין איינער פון די עלעמענטאר־שולען פיהרט דער לעהרער טאקי דורך אזא קאנטראָל.

— שמידט — ווענדעט ער זיך צו איינעם פון די שילער — זאג מיר ווער ביזטו, אייגענטליך, אין דער איצטיגער דייטשער געזעלשאפט.

— איך בין א געטרייער היטלעריסט — ענטפערט דער שילער — און אלס אזעלכער וועל איך קעמפען פאר מיין פאטערלאנד ביז׳ן לעצטען טראָפען בלוט!

— און ווער ביזטו? — ווענדעט זיך דער לעהרער צו א צווייטען שילער.

— איך בין — ענטפערט דער צווייטער — דער גרעסטער ענטוזיאסט פון אונזער פיהרער אדאָלף היטלער. אויף יעדען רוף זייגעס בין איך גרייט צו געהן מיט דער ביקס אין האנד אויפ׳ן שלאכט־פעלד

— גוט — זאגט דער לעהרער און ווענדעט זיך צו א דריטען — ווער ביזטו?

— איך בין נישט קיין היטלעריסט! כ׳בין אנ׳אנטי־היטלעריסט.

— האָ? ? פאַרוואָס ? ?

— ווייל מיין פאטער איז אויך נישט קיין היטלעריסט!

— אהאָ! דו טהוסט, הייסט עס, אלץ נאָך דיין טאטען? זאג־זשע מיר כ׳בעט דיך, און ווען דיין טאטע וואלט געווען א לאָבוז, א גנב, א מערדער, אנ׳אויסוואורף, א באנדיט, — טאָ וואס וואָלסטו דאמאלט געווען?

— דאמאלס — ענטפערט דער שילער — וואָלט איך יא געווען א היטלעריסט!

פריאַטקעס וועגען הימישע מענשען

דער פּרנס ה. איז אזוי קארג, אז ווען מען פרעגט איהם ווי שפעט ס׳איז, זאגט ער שטענדיג מיט 15 מינוט ווייניגער.

א בוכהאַלטער פון א וואַרשאַווער פירמע פרעגט דעם שעף.

— ווי אזוי זאל איך אריינטראָגען אין די ביכער די סומע געלד מיט וועלכער דער קאסירער אונזערער איז אנטלאָפען?

— איך ווייס — ענטפערט דער שעף — שרייבט איין „לויפענדע" אויסגאבען.

דער לעהרער פון א יודישאַווער „תרבות"־שולע ה. פ. איז זעהר א צעשטרייטער.

אנ׳מאָל איז ער געפאָהרען קיין בריסק.

ווען דער צוג איז אנגעקומען קיין שעדלעץ איז דער צע׳חיש׳טער לעהרער ארויס פון צוג. כדי ער זאל קיין טעות נישט האבען אין וועלכען וואגאָן ער זיצט, האט ער א קוק־געטהון אויפ׳ן נומער. גראָד איז דער נומער געווען 1492.

מורא־האָבענדיג, אז ער וועט דעם נומער פערגעסען, האט ער זיך געגעדענקט אין זינען אריין, אז דער נומער איז פון זעלבען יאהר, ווען קאלאָמבוס האט שטעדעקט אמעריקא.

צוריקגעקומענדיג פון בופעט, איז ער צוגעגאנגען צום קאָנדוקטאר און געפרעגט:

— פאניע קאנדוקטאָשע, אין וועלכען יאהר האט קאָלאָמבוס ענטדעקט אמעריקא?

די פלאָושע אין שווידער געהט איבער צו דער „אגודה"...

ווי אזוי די אגודה־לייט וועלן זיך ברע...

נען.

א פּאָליטישער וויץ וועגען קובא

מען דערצעהלט, אז דער נייגעוועהלטער פרעזידענט פון קובא האט איינסטאלירט און אוועקגעשטעלט ביים הויפט־איינגאנג צו זיך אין פרעזידענטען־פאלאץ אנ׳שלעכטרישען גולם, וועלכער האלט מיט זיין שטאלענער פעסטער „לאפע" א זעג־מהון יעדען איינעם, וועלכער וועט אריינגעהן אין פאלאץ מיט נישט קיין עהרליכע כוונות.

באלד צומארגענס נאכ׳ן אוועקשטעלען דעם דאזיגען גולם, איז דער פרעזידענט שוין אריינגעגאנגען אין פאלאץ מיט א הינטער־טהיר...

כבוד דעם אנדענק פון די, וואס זענען אוועק!

די גרויסע טרויער-רעדע פון נחום סאקאלאוו אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס

פראג, (יט"א). יט"א האט שוין טעלעגראפיש איבערגעגעבען דעם אינהאלט פון נחום סאקאלאוו'ס הזכרה-רעדע נאך די יודישע און ציוניסטישע פערזענליכקייטען וואס זענען געשטארבען זייט דער צייט פון 17-טען ציוניסטישען קאנגרעס. מיר גיבען דא אויספיהרליכער די דאזיגע רעדע:

געעהרטער קאנגרעס! מיר טרויערן אלע און אונזער צער האט נישט קיין סוף איבער דעם פערלוסט פון אונזער ליבען פיהרער דר. ארלאזאראוו (דער קאנגרעס שטעהט אויף). זיין נאמען ווערט מיט גאלדענע אותיות בלייבען פערשריבען אין אונזער געשיכטע.

עס זענען געווען אבער נאך אנדערע, וואס האבען זייער לעבען געבראכט אלס קרבן דעם פאלק. זיי זענען פאר אונז ווי יענער אומבעקאנטער סאלדאט, וואס זיין נאמען ווייסט קיינער נישט, וועלכער איז אבער נישט דער סימבאל פון דער גרויסער מחנה מוטיגע זעלנער. אויך מיר האבען א רייה קדושים, וואס האבען געמוזט אוועקגעבען זייער לעבען, נישט ווי די קדושים פון מיטעלאלטער, וועלכע מען האט געגעבען די ברירה — טויט אדער שמד, וואס זענען געפאלען אויף קדוש-השם. אונזערע קדושים זענען איינפאך דערפאר געפאלען, ווייל זיי זענען געווען יודען. אבער אויך זיי געהערען צו דער לאנגער שורה פון אונזערע מערטירער. איך קען נישט זייערע נעמען, ווייל זייערע נעמען זענען אומבעקאנט. עס וועט אבער קומען א צייט, ווען אויך זיי וועלען אריין אין פאנטעאן פון דער יודישער געשיכטע, און מיר וועלען זייערע נעמען געדענקען, אלס די נעמען פון די קדושים פון מאינץ און שפייער. הערווייל לאמיר זיך זייערע נעמען דערמאהנען אלס פון אומבעקאנטע זעלנער און זייער אנדענק בעעהרען מיט א מינוט שטילשווייגען (דער גאנצער קאנגרעס שטעהט אויף און בלייבט א מינוט צייט שטיל אין יראת-הכבוד).

די ליסטע פון אונזערע טויטע איז זעהר לאנג און איך קען דערמאהנען בלויז א טייל פון די דאזיגע אונזערע טייערע און הייליגע נעמען. קודם-כל דעם מיטגליד פון אקציאנס-קאמיטעט דזשאזעף קאהען פון לאנדאן, איינער פון אונזערע בעסטע. וואו מען האט איהם געשיקט, אין ענגלאנד און מחוץ די גרעניצען פון דעם דאזיגען לאנד, האט ער אונזער זאך געדינט מיט לייב און לעבען.

ל. גרינבערג, דער רעדאקטאר פון „דזשואיש קראניקל", איז געווען איינער פון די בעסטע פריינד פון הערצל'ן און זיך בעזונדערס ארויסגערוקט אין דער אוגאנדא-פראגע. אין די לעצטע יאהרען איז ער אבער געווען איינער פון די טרייעסטע פריינד פון א"י. דאך האט זיין שטעלונג אויך אין דער אוגאנדא-פראגע, א היסטארישען ווערט.

דר. אדאלף פרידמאן, איינער פון די ערשטע אין דייטשלאנד, וועלכער האט געארבייט פאר'ן ציוניסטישען גייסט צווישען די דייטשע יודען. ער האט זיין לעבען פערענדיגט אין מיטען פון א קרבנות'פולע ארבייט פאר קרן-היסוד אין האלאנד. אלע, וואס האבען איהם געזעהען ביי דער ארבייט, האבען אין איהם בעוואונדערט דעם אייפער פון די ערשטע הערצל-ציוניסטען.

איינער פון אונזערע טייערסטע איז געווען אליהו הלוי לעווין-עפשטיין פון ניו-יארק, מען וואלט ריכטיגער געדארפט זאגען פון ווארשא, ווייל דארט האט ער אנגעהויבען זיין ציוניסטישע טעטיגקייט, בעת די „חובבי-ציון" האבען אין א"י געגרינדעט זייער ערשטע קאלאניע „מנוחה-ונחלה", דארט, וואו היינט שטעהט רחובות. ער איז מיט די ערשטע געשיקט געווארען קיין א"י און האט דארט פיל יאהרען געארבייט אלס בעגייסטערטער ציוניסט און מענטש פון מעשים. שפעטער האט ער איבערגעוואנדערט קיין ניו-יארק, אבער דער שנוי-מקום איז נישט געווען קיין שנוי-מחשבה. ווי אין ארץ-ישראל און פריהער אין פוילען, אזוי האט ער אין אמעריקא אויך געארבייט אלס פערטרעטער פון דער כרמל-געזעלשאפט, געקניפט לעבעדיגע בעציהונגען צווישען אמעריקא און א"י, פערשווענדעט פיל צייט אויף רייזען, רעפעראטען און צום סוף פון דער מלחמה איז ער געקומען אין אונזער לאנד בראש פון א גרויסער הדסה-דעלעגאציע. ער איז געווען אנ'אלגעמיין אנערקענטע ציוניסטישע פערזענליכקייט, וואס זיין נאמען וועט געהאלטען ווערען אין כבוד. נאך עטליכע ווערטער וועגען זיין טראגישען לעבענס-סוף. ער האט ליקווידירט זיינע געשעפטען אין אמעריקא, כדי עולה צו זיין קיין א"י און דארט פערענדיגען זיין לעבענס-אוונט. פאר זיין אפפאהר האבען זיינע פריינד (צווישען זיי די ערשטע חובבי-ציון, איינגעארדענט אנ'אבשיידס-אוונט און מיר אלע האבען זיך געפרעהט, וואס איהם איז בעשערט אומצוקעהרען זיך אין לאנד פון די אבות. אויף דער רייזע האט ער זיך איינגעהאלטען אין דייטשלאנד צו זוכען דארט היילונג. דארט אבער האט זיך די קראנקהייט פערשארפט און געמאכט א סוף צו זיין לעבען. זיין קערפער רוהט אין דער א"י-ערד.

איך דערמאהן היינטיג שטיין פון יאסי, אהן וועלכען מען קאן זיך קוים פארשטעלן א ציוניסטישען קאנגרעס. פיל פון אונז האבען איהם אויך געזעהן ביי זיין ציוניסטישער ארבייט אין רומעניען.

הערבערט בענטוויטש האט סימבאליזירט די אמת'ע פערבינדונג צווישען א"י און ענגלאנד. אויך זיין נאמען איז היסטאריש אין ציוניזם, ער געהערט צו די ערשטע חובבי-ציון אין ענגלאנד. ער איז אויך איינער פון די ערשטע, וואס זענען געגאנגען מיט א בעזונדערער מיסיע אין א ציוניסטישער גרופע קיין א"י. ער געהערט צו די יעניגע, וואס האבען פערפאסט די סטאטוטען פון קק"ל אין די ערשטע טאג פון זיין גרינדונג. ער האט זיין געצעלט אויפגעשלאגען אין ארץ-ישראל און דארט געוואלט שטארבען. ער איז שוין געווען אלט, ווען ער איז געקומען קיין א"י, האט אבער נאך ווייטער געוואלט ארבייטען פאר א פאלקאמענעם און נישט-האלבען ציוניזם. הערבערט בענטוויטש איז אבער נישט געווען בלויז א יחיד, נאר אויך דאס סימבאל פון א גרויסע און וויכטיגע יודישע פאמיליע.

מיט ליבע און טיפען שמערץ דערמאהן איך דעם טייערן פריינד הלל זלאטאפאלסקי. זיין לעבען איז געווען פול מיט שוועריגקייטען און אויך זיין טויט איז געווען א שרעקליכער — מארד, אבער זיין לעבען איז אויך געווען פול מיט ליכט. ער איז געווען אנ'אויסגעצייכענטער שריפטשטעלער, א גרויסער העברעער. ער האט אבער אויך פיל געלייסטעט קאנקרעט-גרויסעס פאר קולטורעלע אינסטיטוציעס. פיל העברעאישע שולען האט ער אליין אויסגעהאלטען, ער איז געווען א ברענענדע פאקעל, וועלכע איז אויף א טראגישען אופן אויסגעלאשען געווארען. זי וועט אבער אין דער געשיכטע פון ציוניזם תמיד העל לויכטען.

מיט א געפיהל פון ליבע וויל איך דערמאהנען איינעם פון די ערשטע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, דר. דוד אלקאליי פון בעלגראד. דער נאמען אלקאליי געהערט אויך צו די היסטארישע אין ציוניזם. ער שטאמט פון דער צייט פון די קאלישער, איז געווען א ספרדישער ראבינער אין א קליין שטעטעל פון סערביען, פלעגט ארומרייזען איבער דער גאנצער וועלט און געפרעדיגט אומעטום די ציוניסטישע אידעע. ער האט אויך פיל געשריבען ציוניסטיש. אלע ציוניסטישע היסטאריקער דערמאהנען זיין טעטיגקייט. אויך דער נאמען אלקאליי איז א סימבאל פון א ציוניסטישער פאמיליע.

איך וויל דערמאהנען א ציוניסטישען מיטארבייטער און פאפולערען רעדנער, וועלכער איז געווען בעזונדערס בעקאנט אין די לענדער פון אמאליגען עסטרייך — לייבל טויבעס. ער איז געווען א סימבאל פון ציוניסטישער פאפולאריטעט און פאלקסטימליכקייט. ער האט געווירקט הן אויף יודיש, הן דורך ציוניסטישער טעטיגקייט אין זיין וואוינארט.

איינער, אפשר פון די עלטסטע ציוניסטען, דר. ראובן בידער, לויט דער אבשטאמונג פון פוילען, האט לאנג געלעבט אין בולגאריען, רעגעלמעסיג דעמאלט געשריבען אין דער „הצפירה", זיך נאכדעם אומגעקעהרט אין זיין היימאט און געלייסטעט ווערטפולע ציוניסטישע ארבייט, ער האט דערגרייכט אנ'עלטער פון כמעט הונדערט יאהר.

דר. לודוויג זינגער, דעפוטאט פון טשעכא-סלאוואקישען פארלאמענט, פיהרער פון דער נאציאנאלער פארטיי אין זיין לאנד, טעטיג אין דער מינדערהייטען-ארבייט, איז פון אונז אוועק אין פערהעלטניסמעסיג-יונגען עלטער.

הר. מאריס קיימאנרס פון סידניי אין אויסטראליען האט פאר'ן ציוניזם געבראכט גרויסע מאטעריעלע קרבנות. אויף דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים האט ער געשטיפטעט א זאל, וואס טראגט זיין נאמען. אין זיין לאנד, וואס האט גארנישט געוואוסט פון יודישער ארבייט, האט ער געגרינדעט די ציוניסטישע ארגאניזאציע.

צוויי ברידער, די נעמען פון 2 דייטשע ציוניסטען, וואס זענען אונז אלעמען טייער, זענען קורץ, איינער נאך דעם אנדערן, געשטארבען: דר. עליאס און דר. יצחק שטרויס. זייער טויט איז א גרויסע אבידה פאר אונזער בעוועגונג.

ווייטער דערמאהן איך דעם העברעאישען שריפטשטעלער און בעגייסטערטען ציוניסט שמעון מנחם לאזאר, רעדאקטאר פון „המגיד", וועלכער האט געשריבען פיל ווערטפולע ביכער און ביים סוף פון זיין לעבען מיטגעווירקט ביי א העברעאישען ווערטערבוך.

שלמה ליפשיץ פון בוענאס-איירעס, דער עהרען-פרעזידענט פון דער ארגענטינישער ארגאניזאציע, האט אונטער שווערע בעדינגונגען געלייסטעט ציוניסטישע ארבייט אין זיין קרייז. ער האט דארט געגרינדעט א ציוניסטישע ארגאניזאציע, מיט וועלכער מיר זענען זעהר צופרידען און פון וועלכער מיר האפען נאך צו בעקומען פיל נייע קרעפטען פאר ארץ-ישראל.

איך מוז נאך דערמאהנען אנ'אנדער ציוניסטישען מערטירער, דעם אין פערסיען הינגעריכטעטען שמואל יחזקאל חיים, וועלכער איז דורך דער רעגירונג געטויט געווארען, ווייל ער האט זיך פערנומען מיט ציוניסטישער ארבייט און איז מיט אונז געשטאנען אין פערבינדונג. איך ערקלער דא אויסדריקליך, אז זיין ארבייט איז נישט — ווי מען גלויבט נאך היינט אין פערסיען — געווען געריכטעט געגען דער רעגירונג. עס איז געווען אנ'ארבייט פאר'ן ציוניזם.

דר. אריאל בן-ציון, א ספרדי, האט אלס אגיטאטאר פאר'ן קרן-היסוד בעזונדערס צווישען די ספרדים ווערטפולע ארבייט געלייסטעט און פערדינט דעם צוטרוי, וועלכען מען האט איהם געשאנקען, ער האט פאר אונז געוואונען דרום-אמעריקא און פיל אנדערע לענדער. ער איז אויך געווען ליטעראריש ווערטפול טעטיג. איך דערמאהן זיין בוך וועגען דער קבלה פון די ספרדים. אין יונגען עלטער איז ער פון אונז אוועקגעריסען געווארען.

פרוי אויגוסטא שטייבער-וועלדער, ציוניסטישע שריפטשטעלערין, פרעזידענטין פון דער „וויזא" אין ציריך, האט ביז איהרע לעצטע טעג געארבייט פאר'ן ציוניזם.

א וואונדערבארער אלטער מאן איז געווען פראפ. דוד סימאנסאן פון קאפענהאגען, וועלכער האט נישט געהערט צו קיין שום ארגאניזאציע און איז אבער געווען א גאנצע און הארמאנישע פערזענליכקייט. א רב בישראל, וועלכער איז אונז גייסטיג געשטאנען נאהענט און ארום וועלכען עס האט זיך אין דער מלחמה-צייט קאנצענטרירט די ציוניסטישע ארבייט אין קאפענהאגען.

פראפ. באריס שאץ, א נאמען, גוט בעקאנט אין ציוניזם, האט רעאליזירט, וואס ער האט א גאנץ לעבען געטרוימט. איהם איז געווען בעשערט צו ווירקען אין אונזער לאנד און זיך מיט א"י צו פערשמעלצען. ער איז געווען א באמת שעפערישער מאן, און אויב אפילו דער „בצלאל", וועלכען ער האט געשאפען, איז אפשר נישט אין יעדער הינזיכט א פאלקאמע זאך, איז ער אבער דאך געווען א נייע שאפונג וואס האט פריהער נישט עקזיסטירט און וואס פראפ. שאץ האט געריפען צום לעבען. אין „בצלאל" האט ער זיך געשאפען א לעבעדיגען דענקמאל אויף אלע צייטען.

צוזאמען מיט שאצ'ן דערמאהן איך דעם ליבען קינסטלער, מיין יוגענד-פריינד, דעם מאלער לעאפאלד פיליכאווסקי. ער איז געווען שטארק ווי א דעמב, פול ענערגיע, יונג, גייסטיג קוקענדיג אויף זיינע יאהרען. ער האט כמעט 40 יאהר נאכאנאנד געשאפען פיל אויסגעצייכענטע בילדער. ער האט אנטדעקט די יודישע שענהייט, די שענהייט פון פוילישען יודענטום. ער איז געווען דער קינסטלער פון געטהא, איז אבער געשטאנען אויף א העכערע מדרגה: די מדרגה פון א קינסטלער אין א"י. דער דאזיגער איבערגאנג איז נישט געווען לייכט, ער האט איהם אבער געמאכט, האט אלע זיינע קרעפט. מען האט דאקומענטירט אין א רייה בילדער, וועלכע ער האט געשאפען אין א"י. איך דערמאהן דאס בילד, וואס שטעלט-פאר די עפענונג פון דער אוניווערזיטעט, יענע היסטארישע געשעהעניש. א פוילישער יוד, א בעגייסטערטער ציוניסט, האט ער געמאלט, ווי מיר האבען זיך עס געוואונשען, שטעהען בראשו פון „בצלאל". אבער ער איז געשטארבען, און מיר טרויערן איבער איהם פון טיפען הארץ.

צוויי פון די ביל"ויים, בנימין פוקס און אליהו סווערדלאוו, זענען פון אונז אוועק אין גדרה. היינט זענען נאך פינף פון יענע ערשטע פיאנערען געבליבען ביים לעבען.

אין בעוואונדערונגסווירדיגען עלטער פון 92 יאהר איז אין ניו-יארק געשטארבען ישראל החקת, וועלכער האט מיט א ברייטער האנד געשענקט פאר אלע ציוניסטישע צוועקען אין א"י.

דר. היסין, דער בעשיידענער און רוהיגער, איינער פון די ביל"ויים, וואס זיין גאנץ לעבען איז געווען פערבונדען מיט'ן ישוב, וועלכער האט לאנגע יאהרען בכבוד פערטרעטען דעם אדעסער קאמיטעט אין א"י, וועלכער האט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבען געווירקט פאר א"י, איז שוין נישט מעהר צווישען אונז.

עס זענען פון אונז אוועק פרוי מירעל בערלין, די מוטער פון אונזער מאיר בערלין, און רחל קאפלאן מערעמינסקי, די מוטער פון אונזער פריינד מערעמינסקי. פרוי בערלין האט געשטאמט פון גאונים, איהר פאטער איז געווען הרב עפשטיין, דער ראש פון דער בעריהמטער ישיבה. אויך פרוי מערעמינסקי האט געשטאמט פון אנ'אנגעזעהענער רבנים-משפחה.

פרוי רחל בובמיל, וועלכע מיר דערמאהנען זיך נאך פון ערשטען קאנגרעס האט געארבייט פאר'ן ציוניזם זייט זיין ענטשטעהונג. זי האט דורכגערייזט די גאנצע וועלט, כדי צו ווירקען פאר'ן „קרן-קיימת" און „קרן-היסוד". איך האב זי געטראפען אין רומעניען, אין עגיפטען און אמעריקא. א פרוי פול גייסט, פול קראפט, פול טיפער ערקענטניש פאר'ן ציוניזם. זי האט אויך געלייסטעט פיל גוטע פראקטישע ארבייט אין א"י.

דער פאטער פון אונזער פריינד דר. נחום גאלדמאן, איז געווען איינער פון די וויכטיגע העברעאישע שריפטשטעלער אין דייטשלאנד. ער האט געטרוימט וועגען א"י. זיין טרוים האט זיך פערווירקליכט, ער איז אבער אהין געקומען, נישט כדי צו לעבען, נאר צו שטארבען.

אונזער טייערע בתשבע גראבעלסקא פון ניו-יארק, וועלכע האט אזוי אינטענסיוו געווירקט פאר ליטעראטור און שפראך, וועלכע האט נישט בלויז אליין גערעדט העברעאיש, נאר אויך געגרינדעט א העברעאישע הויז. זי האט געארבייט פאר'ן „השלח" און האט איהר מיסיע געזעהען אין דער פערברייטונג פון דער העברעאישער שפראך.

איך דערמאהן דעם עהרווירדיגען נאמען פון דר. אלעקסאנדער פישער פון טראנסילוואניען, די הערליכע געשטאלט פון א יודישען געלעהרטען, אנ'אלט-ארטאדאקסישען ראבינער פון קלאסישען שטייגער און זיין שוויגער-זוהן דר. לעאפאלד פישער, וועלכער האט אנערקענענדליך געקעמפט פאר די רעכט פון די יודען אין זיין לאנד.

איך דערמאהן ווייטער דעם וואונדערבארען שריפטשטעלער, דעם ליטעראטורישען חלוץ, וואס האט נישט זיין גלייכען, יש. בן-ציון גוטמאן, דעם שמואל'ס פון די ליטעראטען אין תל-אביב. ער איז אליין אין [illegible] פון יודישען גייסט.

הר. טשארני, א פאר מיר טייערער מאן, וועלכער האט געלייטעט די לעהרער-אנשטאלט אין גראדנא, א בעדייטענדער שריפטשטעלער און פעדאגאג, געהערט צו דער רייה פערשטארבענע.

בר-טוביה (דר. פרענקעל), א העברעאישער שריפטשטעלער, פון הויכען ראנג, איז געשטארבען אין ניצא.

מאקסימאן מאקס-מאוואסקי, וועלכער האט די לעצטע צייט געלעבט אין ניו-יארק, איז געווען א תלמיד פון אחד-העם, וואס האט געשריבען אין גייסט און סטיל פון זיין לעהרער.

איך דערמאהן לסוף די נעמען פון יענע נישט-יודישע פריינד פון ציוניזם, וועלכע האבען גענומען א טעטיגען אנטייל אין אונזערע בעשטרעבונגען: לארד פלומער, אלבערט טהאמאס, סער פאטריק השעהאוז, ס. פ. סקאט און ע. מ. סקאט.

איך האב געקענט דערמאהנען בלויז א טייל פון די אלע קעמפער און פריינד, וועלכע זענען אונז אבגעשטארבען פאר די לעצטע צוויי יאהר. עס איז נישט געווען מעגליך ארויסצוזעהלען אלע. איך בעט אייך אבער, גאר קיין אונטערשייד נישט צו מאכען צווישען די דערמאהנטע און נישט-דערמאהנטע. זיי אלע אהן אונטערשייד קומט אונזער ליבע און כבוד.

ווארשאווער בערזע

טראץ דער שוואכער דאלאר-טענדענץ פארסירט האט די באנק-פאלסקי אלע העכערע קורסען. פריוואט האלט דער דאלאר קוים 6.27 בריף און אויף דער וואלוטען-בערזע האט מען ווידער אפיציעל נאטירט ניו-יארק 6.30 און קאבעל 6.31. א שטארקע ירידה הערשט ווייטער אויף לאנדאן. נעכטען ביז 28.47, ביי א אומזאץ פון קנאפע 2 מיליאן זל. האט מען נאך געהאנדעלט מיט בערלין פון 212.80 ביז 212.85, בעלגיען 124.85, האלאנד 359.80, פאריז 35.03, פראג 26.51, ציריך 172.65, איטאליען 47.10. פריוואט דייטשע מארקען 211.75, טשעכישע קראנען 25.70, פונט 28.50, טשערווענצעס 1.05, גאלד-רובל 4.72, גאלד-דאלאר 9.03, זילבער נישט געענדערט.

פון די פראצענט-פאפירען זענען זעהר בעגעהרט די 4½ זשעמסקע פון 45 ביז 46 און 8 פראצ. ווארש. ביז 44.13. מען האט נאך געהאנדעלט מיט דער בוי-הלוואה 38.25, דאלאר-ביקע 48.25 און 47.75, אינוועסטיציע 104.50, סעריעס 100, קאנווערסיע 49.50, קליינע באן-הלוואה 44.50 און 44.90, 6 פראצ. דאלאר-הלוואה 500-ער 60, סטאביליזאציע ביז 51.38, דילאן 71.13, 8 פראצ. פשעמ. פאל. 54 און 54.50, 5 פראצ. ווארש. 58, רעגנע 48.70, 8 פראצ. לאדזשער 41, 6 פראצ. ווארש. אבליג. 8 און 9 עם. 38.25.

אקציעס:

גאנץ שוואך. באנק-פאלסקי 83, ליליפאפ 100, סטאראכאוויצע 10.25 און 10.20, האבערבוש 41.50 און 42.

תבואה-בערזע:

פריוואט איז די שטימונג ווייטער א פעסטע. ביי א אומזאץ פון 1265 טאן און דעם 420 קארן האט מען אפיציעל נאהעכערט קאשע-גערשטען 15—14 און ווינטער-ווייצען 39—37. די רעשט נישט געענדערט.

ענגעל.

ווארשאווער ראדיא

פרייטאג, 1 סעפטעמבער.

7.—: צייט - סיגנאל.
7.05: גימנאסטיק.
7.20: פלאטען.
7.30: מארגען - ידיעות.
7.35: מוזיק פון פלאטען.
7.52: א ווילע הויז - ווירטשאפט.
12.05, 12.35, 14.55, 15.35, 15.50 פלאטען.
16.—: פאפולערער קאנצערט פון ציעכא-ציענעק.
17.—: „איבערזיכט פון אויסלאנד".
17.15: לייכטע מוזיק פון קאפע „גאסטראנאמיא".
18.35: געזאנג - רעציטאל פון אנטאני גאלעמבי-יאווסקי (טענאר).
19.05: לייכטע מוזיק פון פלאטען.
19.15: „וואוהין צו פאהרען און ווי אזוי דארף מען זיך איינארדנען".
19.40: „אויפ'ן האריזאנט".
20.—: סימפאנישער קאנצערט — יאניא דעמביצקא.
22.—: טאנץ-מוזיק.
22.25: ספארט - ידיעות.
22.40: טאנץ-מוזיק.

דאס ווארשאווער לעבען

בעראטונג וועגען דער הילפס-אקציע פאר די פליטים פון דייטשלאנד

אין צוזאמענהאנג מיט דער לאגע, וואס האט זיך געשאפען אויפ'ן געביט פון דער הילפס-אקציע פאר די פליטים פון דייטשלאנד, איז אין לאקאל פון „בני-ברית“ פארגעקומען א דרינגענדע בעראטונג מיט פארשטעהער פון די הילפס-קאמיטעטען אין די גרעסערע שטעדט.

די זאמלונג איז פארשידענע געביטען פון דער טעטיגקייט פון הילפס-קאמיטעט רעפערירט פרעזעס לעאן לעווינזאהן, רעד. מורקאוו און רעד. מ. שוואלבע. אין נאמען פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע פון פעריאיינגטען קאמיטעט האט אינזש. גאלד-שטיין אפגעגעבען א בעריכט פון דער ביכער-קאנטראלע און פעסטגעשטעלט, אז די קאמיסיע האט אלץ געפונען אין דער בעסטער ארדנונג.

אין דער דיסקוסיע האבען זיך בעטייליגט די ה"ה באכנער (קראקא), אבראהאמע (קאטאוויץ), ווינאדסקי (בענדין), באכראך (ביאליסטאק), רעד. וואלקאוויטש, פרעזעס מ. מייזעל, סענ. ר. שערע-שאווסקי, דיר. זאטאיסקי, גזשיבאווסקי (זבאנשין) פרוי בראם. שאר א. א.

די בעראטונג האט בעשלאסען צו פערשטאר-קען די געלד-זאמעל-אקציע און אויפפאדערען די לאקאלע קאמיטעטען גלייך איבערצושיקען דעם פעראייניגטען קאמיטעט אלע געזאמעלטע געלדער, כדי דער קאמיטעט זאל נישט זיין געצוואונגען אב-צושטעלען די הילפס-אקציע לטובת די פליטים.

צו דער זשענעווער פאר-קאנפערענץ וועגען יו-דישען וועלט-קאנגרעס פאהרען מצד דעם פעראיי-ניגטען קאמיטעט דר. נאטליב, דעפ. דר. ראזמאריין דאזאר שטשעראנסקי, י. מ. לעווין, פרעזעס מאזור, פרוי דיאנא אייגער, דעפ. ווישליצקי, סענ. שע-רעשעווסקי, רעד. שוואלבע, רעד. מורקאוו און רעד. וואלקאוויטש. אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון קאמיטעט פאהרען אלע איינגעריכענע דעלעגא-טען אויף זייערע אייגענע הוצאות.

ענדעקישע בוליגאנעס האקען שויבען אין יודישע בוכהאנדלונגען

גרויסע מהומה אויף שוו. קושיסקא. — געכאפט איינעם פון די בוליגאנעס

די נידערטרעכטיגע אקציע פון די ענדעקישע בוליגאנעס געגען די יודישע בוכהאנדלונגען אויף שוו. קושיסקא הערט אלץ נישט אויף.

נעכטען האבען ווידער גרופעס ענדעקישע שקצים זיך פערזאמעלט אויף שוו. קושיסקא נעבען נייע וועלט, נאפאלעאן-פלאץ און מארשאלקאווס-קא און פערשפרייט אנטיסעמיטישע פאגראם-אויפרופען צווישען דער שול-יוגענד.

ווען עס קומט'אן פאליציי בעהאלטען זיך די בוליגאנעס אין די טויערען; שפעטער קריכען זיי ווידער ארויס פון די לעכער און טהוען זייער זייער מיאוסע ארבייט.

נעכטען ארום 7 אווענד האט זיך אויף שוו. קושיסקא, נעבען טויער נומער 19 פלוצלונג דער-הערט א שטארקער קלאפ. מענשען האבען גענומען לויפען אין פאניק, בעהאלטענדיג זיך אין די טוי-ערען; מען האט צוערשט געמיינט, אז עס איז געווארפען געווארען א באמבע.

באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס הא-בען ענדעקישע בוליגאנעס אריינגעווארפען א גרוי-סען שטיין אין'ם שויפענסטער פון יעקב פריי-זינגער'ס בוכהאנדלונג אונטער דער פירמע „וויטא נאווא“ (שוו. קושיסקא 19).

עס זענען אויסגעהאקט געווארען 2 שויבען, פון די שטיקלעך גלאז זענען עטליכע פערזאנען לייכט פערוואונדעט געווארען.

פאליציי האט גענומען נאכיאגען דעם, וואס האט געווארפען דעם שטיין און ענדליך איהם גע-כאפט. דאס איז דער 23-יעהריגער טשעסלאוו חושפעזיץ (שארא 6).

מען האט איהם איינגעזעצט אין ארעסט און ער וועט געמשפט ווערען דורכ'ן סטאראסטווע-שנעל-געריכט.

די אינטערנאציאנאלע פרויען-הענדלערין מינדעל מערין וועט מוזען זיצען 5 יאהר אין תפיסה

אין אפעלאציע-געריכט איז פארגעקומען דער פראצעס געגען דער אינטערנאציאנאלער פרויען-הענדלערין מינדעל מערין, 45 יאהר אלט, וועלכע פלעגט גראסירען אויף דער פראווינץ, בעזוכען פריזיר-אנשטאלטען און אנגאזשירען שענע מיידלעך קוזשיסעקס בלומשטיין און איהר שעהנהייטס-סא-לאן ארייז, קיין דאנציג.

א סך פרויען זענען אזוי-ארום געפאלען אלס קרבנות, וויל מען זיי אוועקגעפיהרט אין די מי-זרח פון די פארעלאגשטאלטען אין די שאנד-הייזער.

פאר די האזיגע פערברעכענס איז זי שוין גע-האט געמשפט געווארען דורך די געריכטען אין לייפציג, בערלין און האמבורג.

האס מאל איז זי געמשפט געווארען פאר פערקויפען אין שאנד-הייזער די מיידלעך רעגינע בלומשטיין און מאניע געלד.

דאס אפעלאציע-געריכט האט בעשטעטיגט די שטראף פון 5 יאהר תפיסה און צו בעצאהלען 3 טויזענד זל. שטראף.

יודישע הענדלער ווערען ווידער טעראריזירט אויפ'ן קערצעלי-פלאץ

ארעסטירט דעם „פיהרער“ פון דער באנדע

לעצטענס האט זיך אויפ'ן קערצעלי-פלאץ ווידער בעוויזען עטליכע בוליגאנעס, וועלכע האבען בעשלאסען צו בענייען די „מלאכה“ פון זייער „מאטען מאשעמקא“.

די האזיגע חברה-לייט טעראריזירען די הענד-לער פונ'ם קערצעלי-פלאץ, פאדערענדיג געלד, און געגענפאל הראהען זיי מיט שלאגען און אפילו מיט טויט.

דער „פיהרער“ פון דער האזיגער אלט-נייער טעראריסטען-באנדע איז א געוויסער וולאדיסלאוו טבליק (אגראדאווא 62). ער האט זיך בעזונדערס אנגעזעצט אויף דער הענדלערין חנה פארביאזש און פון איהר כסדר געשלעפט געלד, סטראשענדיג מיט טעראר.

די טאג האט אבליק ביי חנה פארביאזש און געוועלבעל צעשלאגען איהר זוהן און דעם הענדלער מאיר-יונה ווינבערג.

נעכטען איז דער טעראריסט אבליק ארעס-טירט און איינגעזעצט געווארען אין תפיסה.

אומגליקליכע טאטע-מאמעס, וואס ווארפען אונטער זייערע קינדער

די הארצרייסענדע ערקלערונג פון קיילע ראבמאן און דער פסק-דין איבער וואלף בלומענטאל

אינ'ם קרייז-געריכט זענען פארגעקומען 2 פראצעסען וועגען אונטערווארפען קינדער.

וועגען איין פראצעס האבען מיר שוין נעכטען געשריבען. וואלף בלומענטאל האט פאר'ן טויער פון א קאמיסאריאט אונטערגעווארפען זיין 15-חדשים'-דיג קינד.

דער צווייטער פראצעס איז געווען געגען קיי-לע ראבמאן, וועלכע האט אויך אונטערגעווארפען איהר קינד.

פרוי ראבמאן האט געוויינט און איהר ערקלע-רונג האט געמאכט א שטארקען איינדרוק:

— כ'בין א בעטערע מאמע פון אנדערע מא-מעס — האט זי אויסגערופען — און מיינע קינ-דער האב איך ליבער פאר אנדערע מאמעס. כ'האב זיך צוגעקוקט ווי מיינע קינדער וואלגערען זיך אין א קעלער-שטוב און זיי ווערען שווינדזיכ-טיג, האט עס מיר וועה געטהון. האב איך בעשלא-סען באוואוי זיך מיט זיי צו שיידען אבי זיי צו ראטעווען.

דער פראקוראר לעטקין האט אין זיין רעדע פערלאנגט, אז מען זאל ביידע אנגעקלאגטע פער-משפט'ן, אבער מען זאל אפלעגען דאס אויספיה-רען די שטראף.

אויך דער פערטיידיגער אדוו. לעווין האט אונ-טערגעשטיצט די פאדערונג פון פראקוראר.

דאס געריכט האט אין די צוויי פראצעסען ארויסגעטראגען דעם זעלבען אורטייל: 6 חדשים תפיסה און די שטראף ווערט אפגעלעגט אויף 2 יאהר.

8 חדשים תפיסה פאר בעשווינדלען אנגעשטעלטע

חוץ דעם וועט ער נאך האבען צוויי בעזונדערע פראצעסען

אין שטאדטישען געריכט איז פארגעקומען דער פראצעס געגען אלעקסאנדער שיימאן, דעם אייגענטימער פון קאפע „דע-לא-פע“. ווען דער זעלבער קאפע האט נאך געהייסען „נאווי-קארל-טאן“ האט שיימאן צוגענומען דאס קויציע-געלד, וואס זיינע אנגעשטעלטע האבען אריינגעטראגען.

דער פראצעס איז געווען פול מיט סענסאציא-נעלע מאמענטען.

דער עדות פאקטאר האט דערצעהלט, אז אלס מאגאזיניער האט ער געארבייט 27 שעה אהן אכרוה און קיין גראשען האט ער נישט געקריגען בעצאהלט.

דאס געריכט האט בעשלאסען זיך צו ווענדען צום ארבייטס-אינספעקטאר און צום סטאראסטע מען זאל בעזונדער שיימאן'ען בעשטראפען פאר עקספלאאטירען זיינע אנגעשטעלטע.

דאן האט עדות-געזאגט דער אדקעסטער-טימ-גליד ה' גאלדבערג. ער האט דערצעהלט, אז שיי-מאן פלעגט דאס „לויזעכץ“ ארייגלעגען צו זיך אין טאש און אנשטאט 230 זל. פלעגט ער דעם אר-קעסטער אויסצאהלען נאר 50 זל. ווייטער האט ער דערצעהלט, אז מען האט געפעלשט די האנדעלס-ביכער כדי צו צאהלען קלענערע שטייערן.

וועגען דעם האט דאס געריכט בעשלאסען זיך צו ווענדען צו דער פינאנץ-כאמבער.

דאס געריכט האט שיימאנ'ען פער'משפט אויף 8 חדשים תפיסה און בעפוילען איהם גלייך צו ארעסטירען כל-זמן ער וועט נישט אריינטראגען 500 זל. קויציע.

ער האט פערלוירען דעם פאטען און ער אראבגעשפרונגען פון 4 שטאק

דאן האט ער [illegible] [illegible] דער ארקעסטער-טימ-

עס איז שוין פעסטגעשטעלט געווארען ווער עס איז דער זעלבסטמערדער, וועלכער האט זיך פאריגען זונטאג אראבגעווארפען פון 4-טען שטאק אויף שוו. יערוזאלעם 32: דאס איז דער 62-יעהריגער פראנציסעק קאליגאווסקי (קושיוועסקא 14). ער איז לעצטענס רעדוצירט געווארען פון א פאסטען, אויף וועלכען ער האט געארבייט עטליכע צענדער-ליג יאהר.

8 זעלבסטמארדען דורך סם

דריי טויט; 4 געפונען זיך אין שפיטאל

דער 32-יעהריגער דרוקער עדוואַרד רופ (סמאלנא 7) האט, מיט'ן צוועק צו בעגעהן זעלבסטמארד, אויסגעטרונקען 100 גראם עסיג-עסענץ. אין א שווערען צושטאנד האט „באגאטאר-וויע“ איהם אפגעפיהרט אין שפיטאל „שוו. ראך“, וואו ער איז באלד געשטארבען.

דער זעלבסטמערדער האט איבערגעלאזט אהן מיטלען צום לעבען א פרוי מיט א קינד. די פרוי ערקלערט, אז איהר מאן איז געווען א ליידענ-שאפטליכער שיכור.

אינ'ם 10-טען קאמיסאריאט אויף שפיטאלנא 7 זענען בעגאנגען זעלבסטמארד 2 מיידלעך, וועל-כע זענען ארעסטירט געווארען אונטערן פערדאכט אין טרייבען פראסטיטוציע: די 18-יעהריגע העי-לענא גוחאוויטש און די 19-יעהריגע אליציא זבאט-לארסקא.

אויס חרפה צוליב דער בעשולדיגונג האבען זיי אויסגעטרונקען א פלעשעל עסיג-עסענץ. „באג-טאטאוויע“ האט די זעלבסטמערדערינס אפגע-פיהרט אין שפיטאל „שוו. ראך.“

אין טויער אויף אקניצקא 17 האט זיך פערס-סמ'ט מיט יאדינע די 18-יעהריגע דינסט סטאר-ניסלאווא מיענטעק. מען האט זי אפגעפיהרט אין פראגער שפיטאל.

דער 17-יעהריגער ארבייטער יוזעף לעמקע (סטזשעלעצקא 1) האט זיך גע'סמ'ט מיט עסיג-עסענץ אינ'ם טויער אויף האדזימינסקא 93. ער איז אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל „שוו. רוך“.

דער 60-יעהריגער סוחר דוד גריזענבוים (נאר-וואליפקי 60) האט, על-פי-שמועות, אנשטאט א מע-דיצין — געטרונקען זאלץ-זויער. ער געפינט זיך אין יודישען שפיטאל אויף טשיסטע.

אויף מארשאלקאווסקא 143 האט זיך די בע-אמטין עוגעניא ווילדער גע'סמ'ט מיט ציאנקאלי. זי איז געבליבען טויט אויפ'ן ארט. די סיבה פון זעלבסטמארד איז נישט פעסטגעשטעלט געווא-רען.

— אויף מאלא 9 איז אין אווענד אהאבגע-שפרונגען פון 3-טען שטאק אנ'18-יעהריגער יונ-געראמאן, וועמענ'ס נאמען עס איז נישט פעסטגע-שטעלט געווארען.

אין פראגער שפיטאל איז ער געשטארבען.

— אויפ'ן ברודנער צמענטאזש האט זיך גע'-סמ'ט מיט עסיג-עסענץ א פרוי פון אנ'ערך 40 יאהר אלט. „באגאטאוויע“ האט זי אפגעפיהרט אין פראגער שפיטאל.

יולעכ'ל, וואו ביסטו?

מיט 10 טעג צוריק איז פערלוירען געגאנגען א דריי-יעהריג יונגעלע יולעק. ער טראגט א ווייס קאפעלושעל, א בלויען סוועטער. אויפ'ן פנים זע-נען איהם אויסגעשיט ווינט-פאקען.

מען בעט רחמנות צו האבען און דאס קינד אפפיהרען אויף פאוואנזקאווסקא 2 אין קאווארי-ניע.

לעצטע ספארט-ידיעות

יוגאסלאוויען — פוילען

דעם 10-טען סעפטעמבער וועט פארקומען אין ווארשא אנ'אינטערנאציאנאלער לענדער-קאמף צווישען די רעפרעזענטאנצען פון פוילען און יוגאסלאוויען.

די יוגאסלאווער זענען יעצט אין א גלענצענ-דער פארם. די לעצטע רעזולטאטען ווייזען, אז זיי געהערען צו די בעסטע אייראפעאישע מאנ-שאפטען. היינטיגס יאהר האבען זיי בעזיגט די אויסגעצייכנעטע טשעכישע מאנשאפט 1:2. דאס האט געשטעלט די יוגאסלאווישע מאנשאפט אין די ערשטע רייהען פון די פוטבאל-לענדער.

דער מאטש וועט ווערען טראנסמיטירט דורך דעם פוילישען און יוגאסלאווישען ראדיא.

אלס טארמאנטש וועט שפילען „פאלאניא“ מיט דער יודישער רעפרעזענטאנץ פון ווארשא.

פון פוילישען פוטבאל-פערבאנד

אויף דער לעצטער זיצונג פון פוילישען פוט-באל-פערבאנד האט מען דיסקוואליפיצירט אויפ'ן גאנצען לעבען דעם פיהרער פון דער פוטבאל-סעקציע ביים ווארשאווער „פאלאניא“ פאר א סאך געבען דעם שידס-ריכטער אויפ'ן מאטש „פאלאניא“ (ווארשא) — „פאלאניא“ (ביד-גאשטש).

חוץ דעם האט דער הר. גאראבין בעקומען אנ'אזהרה פאר נישט ספארטליכער האנדלונג גע-גען דעם וויצע-פרעזעס פון וו. א. ז. פ. נ. ה' גרי-פענבערג אויפ'ן מאטש „הכח“ (ווין) לעגיא.

סאקאלאוו'ס רעדע וועגען היטלעריזם

בערל לאקער און פראפ. בראדעצקי ענטפערן אויף דער קריטיק

פראג 30 (יט"א) נאכ'ן שלוס פון דער גע־נעראל־דעבאטע איז דער קאנגרעס אין אוועק צוגעטרעטען אויסצוהערען די ענטפער־רעדעס פון די עקזעקוטיוו־מיטגלידער אויף די טענות פון די אפאזיציע. דער ערשטער נעהמט דאס ווארט אין נאמען פון דער עקזעקוטיווע בערל לאקער.

ער פאלעמיזירט קודם־כל מיט די, וועלכע האבען געשטערט די ארבייט פון דער עקזעקוטיווע און זענען אויפ'ן קאנגרעס געקומען מיט טענות, אז עס איז אזוי ווייניג אויפגעטהון געווארען. דאס מיינט, זאגט לאקער דער עיקר די רעוויזיאניסטען, זשאבאטינסקי האט אויף א זיצונג פון זיין פראקציע געזאגט געזאגט, אז די רעוויזיאניסטען וועלען נישט קומען צום 19־טען קאנגרעס.

צווישענרופען פון די רעוויזיאניסטען־בענק: איהר ווילט דאך אונז ארויסשליסען: משה־רבנו האט צובראכען די לוחות, ווען ער האט געזעהן דעם עגל!

בערל לאקער לאכט: איהר פערגלייכט היינט שוין זשאבאטינסקי'ן מיט משה רבנו.

די ארבייט פון די פאנדען האבען געשטערט נישט בלויז די רעוויזיאניסטען.

צווישענרוף: אין מאנכע לענדער פערנעהמען די רעוויזיאניסטען דאס ערשטע ארט אין דער ארבייט פאר'ן נאציאנאלען פאנד.

לאקער: אבער די פיהרער פון די פאנדען בע־ווארפט איהר מיט שמוץ.

מען ווארפט כסדר פאר די עקזעקוטיווע, זאגט לאקער, אז זי האט ווייניג געטהון, אבער פאק־טיש זענען אלע איניציאטיוון פון דער עקזעקו־טיווע צעשלאגען געווארען צוליב'ן מאנגעל פון געלד־מיטלען. די בחרישע־בעשלוסען פון קאנג־רעס זענען אפאראטמיש, זיי ווערען נישט אויס־געפיהרט. ווי קען מען אין אזעלכע בעדינגונגען אויפטהון מעהר ווי די עקזעקוטיווע האט אויפ־געטהון? לאקער בעקלאגט זיך, אז דער ארגאני־זאציאנס־דעפארטאמענט פון דער עקזעקוטיווע בראש פון וועלכען דער רעדנער איז געשטאנען, אין קיין שום פעריאד פון דער ציוניסטישער בע־וועגונג איז נאך נישט געווען אזוי אויפגעשטעלט אויף געפאהרען די גאנצקייט פון דער ציוניסטי־שער בעוועגונג און איהר איינהייט ווי אין די לעצטע צוויי יאהר. מען האט א סך גערעדט וועגען דיסציפלין, אבער דער איצטיגער צושטאנד איז אנ'אומעגליכער, ווי קען מען בכלל רעדען וועגען דיסציפלין, ווען יעדע פארטיי לאזט זיך איבער דאס רעכט אליין צו בעשטימען, וואס עס פאדערען די פאלקס־אינטערעסען, אין דעם פרט האט אויך א טייל פון די רעכטע געהאלפען שטע־רען.

דער שקל, ערקלערט לאקער מוז בלייבען דער יסוד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

אויף א צווישענרוף וועגען וואהל־מיסברוי־כען פון די לינקע ענטפערט לאקער, כל ישראל יש חלק למיסברויכען, הלואי זאלט איהר (צו די רעוויזיאניסטען) האבען אזא ריין געוויסען לגבי אייערע מענשען, ווי איך האב עס לגבי מיינע.

מען מוז פעסטשטעלען זאגט לאקער, אז נאך קיינמאל אין דער געשיכטע איז נישט געווען קיין יודישע אסיפה, וואס זאל רעפרעזענטירען אזא געוואלדיג גרויסע וועהלער־מאסע, ווי דער היינ־טיגער קאנגרעס.

מען ווארפט פאר דעם קאנגרעס, אז ער האט דאס דייטשע אומגליק אויסגענוצט אויף קליין געלד און אבגעווארפען די גרויסצאהליגע פראיעק־טען, וואס האבען געדארפט אנצייכענען דעם ציי־ניזם אלס די לעזונג פון דער יודען־פראגע. עס איז נישטא קיין סתירה אין אונזער האנדלונג, זאגט לאקער, מיט אונזערע בעשלוסען אין דער דייטשער פראגע ווילען מיר ברענגען א שריט ווייטער די לעזונג פון דער יודען־פראגע. די איצטיגע עקזעקו־טיווע האט דאך געשאפען דעם ספעציעלען פאנד (קרן־הצלה) אויף צו לעזען די נויט פון דייטשען יודענטום. מיר קלערען וועגען פראקטישער אר־בייט און נישט וועגען ווערטער־פראקלאמאציעס.

אויף א צווישענרוף וועגען פערבינדונגען פון די לינקע מיט'ן צווייטען אינטערנאציאנאל ענט־פערט לאקער (צו די רעוויזיאניסטען): מיר פיה־רען א לעבען פון ארבייט און קאמף און איהר לעבט פון מתנות, א שטורם אין זאל.

בערל לאקער ענדיגט זיין רעדע מיט דער ער־קלערונג, אז די עקזעקוטיווע האט נישט געקאנט זיך איינשטעלען פאר א פאליטיק פון פערמאנענ־טער פאליטישער מאניפעסטאציע, נאר האט גע־מוזט געהן אויפ'ן וועג פון שריטווייזע פאליטי־שע דערגרייכונגען.

נאך בערל לאקער נעהמט דאס ווארט פראפ. בראדעצקי. דער לעצטער שטעלט זיך דער עיקר אב אויף די רעדעס פון חיים באגראטשאוו, דר. סטיפען ווייז און דר. שעכטמאן אין דער גענעראל דעבאטע. איך וואלט נישט וועלען אריינגעהן אין קיין פאלעמיק, זאגט בראדעצקי, מען צווינגט אונז אבער דערצו. אויב באגראטשאוו, דער אלגעמיי־נער ציוניסט, מיינט, אז איך בין זיין פערטרע־טער אין דער עקזעקוטיווע, מוז איך אבער נאך זיין נאטירלישער רעדע ערקלערען, אז ער האט א טעות. איך האב נישט זיינע אנשויאונגען פערטרעטען אין דער עקזעקוטיווע. דאס אראבישע פראבלעם איז א זעהר ערנסט פראבלעם און עס פאדערט קלארע האנדלונג.

איבערגעהענדיג צו דער רעדע פון דר. ווייז ערקלערט פראפ. בראדעצקי, אז די עקזעקוטיווע האט שוין לאנג נישט געהערט אזעלכע קאמפלי־מענטען, ווי די, וועלכע ווייז האט געגעבען אויף איהר אדרעס. די דאזיגע קאמפלימענטען האבען אבער ענטמוטיגט די עקזעקוטיווע. אויב ווייז מיינט ווירקליך, אז די פאליטישע דערגרייכונגען זענען אזוי לויבענסווערט, מוז איך איהם אבער ענטמוטיגען און פעסטשטעלען, אז די פאקטישע לאגע איז ווייט נישט אזא גוטע, ווי ווייז האט זי געזעהן.

דר. ווייז, זאגט ווייטער בראדעצקי רופט צו איינהייטליכקייט, נישט צו דערלאזען שפאלטען די ציוניסטישע רייהען, אויך איך, צוזאמען מיט ווייז'ן און אלע אלגעמיינע ציוניסטען, וויל די דאזיגע הארמאניע.

געדענקט, זאגט בראדעצקי, אז מיר שטעהען איצט אויפ'ן שייד־וועג. די פאליטישע שטיים, וואס וועלען אין די נעכסטע 5—10 יאהר פארקו־מען אויפ'ן נאהענטען מזרח, וועלען זיין פון אונ־געהויערער וויכטיגקייט, זיי וועלען זיין פיל וויכ־טיגער ווי די פאזיציעס, וועלכע מיר האבען פער־נומען ביז איצט אין ארץ־ישראל. הערט זיך נישט איין, אז מען ווארט אויף אונז, עס איז נישט אזוי. אויב האלטען ווארט מען נישט, די פארשטעהענהייט שנו־ים אין דער פאליטיק ארום דעם נאהענטען מז־רח, וועלען אנדערען סיי אונז, סיי אונזערע פערבינדעטע אין א"י.

רעדט נישט וועגען איינהייט, נאר שאפט זי — רופט אויס פראפ. בראדעצקי.

איבערגעהענדיג צו די אנגריפען אויף דער עקזעקוטיווע, וועלכע עס האט געלאזט הערען דר. שעכטמאן, ערקלערט פראפ. בראדעצקי, אז שעכט־מאן האט פאלש פארגעשטעלט די לאגע און האט אפערירט מיט פאלשע פאקטען.

דער קאנגרעס, זאגט ווייטער בראדעצקי מוז קומען מיט אנ'אפעל צו דער מענשהייט. אזא אפעל איז א גרויסע זאך און מען טאר איהם נישט גרינגשעצען. דער רעדנער ציטירט אנ'ארטיקעל פון דער לעצטער וואך פון דער „טיימס“ וועל־כער שרייבט, אז צווישען די ציוניסטען איז עס שוין געווארען א מאדע־זאך צו קריטיקירען די ענג־לישע רעגירונג. מען מוז זיך אבגעבען א חשבון, אז די זאך איז נישט אזוי לייכט.

צווישענרוף פון ז. זשאבאטינסקי. איהר גלויבט אליין נישט אין דעם וואס איהר זאגט.

בראדעצקי: איך בין נישט גענוג קלוג צו וויסען, וואס אנדערע טראכטען. איך אליין גלויב אבער יא אין דעם, וואס איך רייד. מען טאר זיך באוואונדערט נישט שפילען מיט דער אראבער־פראגע, זאגט ווייטער בראדעצקי, דאס איז זעהר א שווער פראבלעם. מען קען מאכען פערשיידענע סאלוציעס. דאס וויכטיגסטע אבער איז נישט רע־דען נאר שאפען — פערענדיגט פראפ. בראדעצקי זיין רעדע.

נאך פראפ. בראדעצקי האט גענומען דאס ווארט פרעזידענט סאקאלאוו.

גרויסע רעדע פון נחום סאקאלאוו

פראג 30 (יט"א). 9 אזייגער האט זיך געשלאָ־סען דער קאנגרעס־פלענום מיט א שעהנער איינ־דרוקספולער רעדע פון פרעזידענט נחום סאקאלאוו, וועלכער האט פארגעשטעלט דעם קאנגרעס זיין אונפארטייאיש־ציוניסטישען אני־מאמין.

איך האב דעם כבוד צו זיין א הערצליאנער, ערקלערט פון אנהויב פרעזידענט סאקאלאוו. דער אגדענס און די מחשבה פון דר. הערצל'ן איז מיר טייער מיין גאנץ לעבען. און איך האלט פון דעם כלל, אז דער ציוניזם לאזט זיך פערווירקליכען בלויז עטאפענווייז. „ויסעו ויחנו“. די דערטריי־כונגען זענען קליינע, אבער קיין אנדער אויסוועג איז נישטא.

אין צענטער פון אונזער אויפבוי־ארבעט שטעהט דער ארבייטער, איך בין נישט מזלזל דעם כבוד פון סוחר, האנדווערקער און אינטעליגענט. א פאלק קאן נישט בעשטעהן פון איין מעטשטשאנער־שיכט. אבער קיינער — נישט דער סוחר און נישט דער אינטעליגענט — האבען נישט געמאכט און אונזער א"י־לעבען קיין נייעם אויפטהו. דער אר־בייטער האט עס יא געטהון. ביז ער איז געקומען קיין א"י איז געווען דער עיקר חסר מן הספר.

דאס האט נישט קיין שייכות מיט סאציאליזם אדער ליבעראליזם דאס איז א פשוט'ער פאקט. די ארבייטער מוזען געדענקען און מען מוז זיי כסדר ווארענען מיט'ן „וישמן ישורון ויבעט“ — די אלטע יודישע צרה. אבער האט ער'עהרט נישט דעם עצם־פאקט, אז די ארבייטער זענען דער חוט־השדרה פון נאציאנאלען א"י־ישוב.

אויב די בעלי־בתים ווילען זיך ארגאניזירען, זאלען זיי אריין אין די התחרות. נאר נישט שאַ־פען קיין בית־שני! נאר נישט פרעגען דאס עקזיס־טירענדע!

טייל מאמענטען, — זאגט סאקאלאוו, — האב איך אויפ'ן קאנגרעס געהאט דעם איינדרוק, אז מיר האבען דא נישט קיין ציוניסטישען, נאר א סאציאליסטישען, א שטייגער דער, וואס קומט איצט פאר אין פאריז. אויך איך בין אנ'ארבייטער איך וויל אבער נישט צוזאמענפלאנטערען דעם ציוניזם מיט סאציאליזם. איך האב געקענט הערצל'ן אפשר מעהר ווי יעדער פון די דא פער־זאמעלטע. און איך ווייס, אז אויך הערצל איז נישט געווען קיין סאציאליסט. אגב, ווי זאלען מיר זיך דא אריענטירען: וועלכען סאציאליזם האט מען בדעה — דעם סאציאליזם פון מאקדאנאלד אדער פון לייבאר־פארטיי־מעהרהייט? נישט דא איז דער פלאץ פאר די דאזיגע זאכען.

דער רעדנער ווארפט אב די איבערטרייבונ־גען פון מזרחי, אז אין א"י זעהט מען נישט דעם שבת. אין די פרומע שטעדט פון מיין יו־גענד, זאגט סאקאלאוו, האט מען נישט אזוי גע־פיהלט די קדושה פון שבת ווי אין ירושלים און תל־אביב. אין חיפה זענען אין דער היגיגער פאר־האַן פעהלערען און מען מוז זיי אויסבעסערען. ווע־ניגסטענס טאר מען ניט מחלל שבת זיין בפרהסיא. דער שבת איז נישט בלויז א רעליגיעזער ענין, עס איז אויך א פאליטישע פראגע. מיר האבען פאר'ן שבת און זיין אנערקענונג געפיהרט א יאה־רעלאנגען קאמף. זיין אבהיטונג איז אויך בעוואוסט אין מאנדאט. דער חלול־שבת בפרהסיא איז נישט קיין סימן פון נעראבקען, נאר א פשוט'ע הפ־קרות און נישט ערצויגענקייט.

איבער אונזער קאנגרעס, — זאגט סאקאלאוו, — הענגט א שווערער וואלקען — דער מאַרד פון דר. חיים ארלאזאראוו. און מיר פרעגען זיך: פאר־וואס? עס ווערט געפיהרט אנ'אונטערזוכונג וועגען דעם דאזיגען שוידערליכען מארד, און דא נוצט מען אויס דעם דאזיגען טראגישען געשעהעניש פאר פארטיי־מחלוקת. די טייערע נשמה פון אר־לאזאראוו'ן איז געגען דער אויסנוצונג פון זיין טויט פאר פארטייאישע סכסוכים. ווען ארלאזא־ראוו וואלט געווען צווישען אונז, וואלט ער אונז גערופען צו ארבייט. ווען הערצל איז געשטארבען, האט עס געהייסען: הערצל איז טויט — און דער קאנגרעס געהט ווייטער.

דאס, וואס איז געווען ביז איצט, איז נישט געווען דער קאנגרעס. דער קאנגרעס דארף זיך ערשט איצט אנהויבען. זאלען זיך די פארטייען נישט גרויסען דערמיט, וואס זיי האבען גוטע רעד־נער. יודען קענען צוויי טיפען. א גאון אזא מגיד. פון א גאון האלטען מיר אלע, אבער פאר'ן מגיד האבען יודען ווייניג דרך־ארץ.

עס האנדעלט זיך נישט וועגען היטלער'ן, ימח שמו וזכרו. עס האנדעלט זיך וועגען היטלעריזם, וואס וויל איינפיהרען אין אונזער לעבען א נייע, געפעהרליכע ערשיינונג. עס איז אזא ריזיגע אויפ־גאבע, אז מיר מוזען זיך אלע — אלע יודען אהן אויסנאהם — שטעלען צו דער ארבייט, אלג־איינס, ציוניסטען, צי נישט־ציוניסטען. עס איז א שווערע ארבייט און עס טאָרען צווישען אונז נישט זיין קיין גלייכגילטיגע. די גלייכבערעכטיגונג פון די יודישע מאסען אין גלות איז פאר ציוניסטען פונקט אזא וויכטיגער ענין ווי ארץ־ישראל. מיר, ציוניסטען, טאָרען נישט שטעהן אן א זייט. מיר טאָרען די גרויסע ארבייט פון קאמף מיט די אנ־גריפען אויף אונזער גלייכבערעכטיגונג אין די גלות־לענדער נישט איבערלאזען פאר אנדערע. מיר, די ציוניסטישע ארגאניזאציע, מוזען צוזאמענ־ארבייטען מיט אנדערע יודישע ארגאניזאציעס פאר דער אבהיטונג פון אונזערע בירגער־רעכט אין אלע לענדער. אויך דאס איז פארנעהמען אין מאנדאט, וועלכער האט בעוואָרענט, אז צוליב אונ־זער צוריקקעהר קיין א"י זאלען מיר נישט ליידען אין אנדערע לענדער און אז צוליב דעם א"י־אויפ־בוי זאלען נישט פערשוואכט ווערען אונזערע רעכט אין גלות.

איצט, — ערקלערט לסוף סאקאלאוו, — האָ־בען מיר פערענדיגט די ערשטע העלפט פון אונזער סדר־היום און טרעטען צו צו דער צווייטער.

הערמיט ווערט געשלאסען די פלענאר־זיצונג פון קאנגרעס.

די נעכסטע פלענאר־זיצונג ווערט בעשטימט אויף מארגען.

צוויי קאמבינאציעס פון דער נייער עקזעקוטיווע

פראג, 30 האלב 2 ביינאכט (יט"א). עס האָ־בען זיך שוין אנגעהויבען די אייגענטליכע פער־האנדלונגען ארום דער בילדונג פון דער נייער עק־זעקוטיווע. די אלגעמיינע ציוניסטען שפּילען די ראל פון פערמיטלער צווישען די לינקע, מזרחי און ראדיקאלען.

די אלגעמיינע שלאגען פאר אנ'עקזעקוטיווע אין צוזאמענשטעל פון דריי לינקע (איינגעשלא־סען די ראדיקאלע), דריי אלגעמיינע און איין מזרחי.

די לינקע דאגעגען בעשטעהען אויף דער פא־דערונג, אז אין דער עקזעקוטיווע זאל אריין דריי ארבייטער, איין ראדיקאלער, צוויי אלגעמיינע (איינער פון זיי זאל זיין פראפ. בראדעצקי) און איין מזרחי.

אין ביידע קאמבינאציעס זאל אלס פרעזידענט קאנדידירען נחום סאקאלאוו.

פראג 30 (יט"א). 3 ביינאכט. די פראגע וועגען דער שאפונג פון אנ'עקזעקוטיווע אהן דר. ווייצמאן האט אנגענומען א קאנקרעטע פארם אין די נאכמיטאגדיגע פראקציאנס־בעראטונגען. אלס באזיס פון די פערהאנדלונגען דינט די קאנצעפציע פון א 7־פערזאניגער עקזעקוטיווע.

די ארבייטער־פראקציע ווינשט זיך אנ'עקזע־קוטיווע אהן א פרעזידענט, פארשלאגענדיג צו נאמינירען נחום סאקאלאוו'ן אויף א פענסיאנירטען עהרען־אמט. די אלגעמיינע גרופע „ב“ — אנטי־ווייצמאניסטען — פאדערען אבער דורכאויס סאקאלאוו'ס ווידערוואהל אלס פרעזידענט פון דער ארגאניזאציע.

דער שליסעל פון דער לאגע ליגט אין די הענד פון די אלגעמיינע, היות די ארבייטער, שוין צו־זאמען מיט די ראדיקאלען, האבען נישט קיין מאיאריטעט.

פון אלע מעגליכע קאמבינאציעס בלייבען די רעוויזיאניסטען אויסגעשלאסען.

עס איז אויך נישט אויסגעשלאסען אנ'עקזעקו־טיווע אהן מזרחי.

פאר דער זשענעווער קאנפערענץ פאר דער אלוועלטליכער אנטי-היטלעריסטישער אקציע

זשענעווע 30 (יט"א) דער סעקרעטאריאט פון עקזעקוטיוו־קאמיטעט פאר צוגרייטען דעם יו־דישען וועלט־קאנגרעס בעקומט טאג־טעגליך מעל־דונגען פון פערשידענע לענדער וועגען דער בעטיי־ליגונג אין דער קאנפערענץ, וואס איז געמיינזאם מיט'ן יודיש־אמעריקאנער קאנגרעס און דעם קא־מיטעט פון יודישע דעלעגאציעס צונויפגערופען געווארען קיין זשענעווע אויף דעם 5־טען ביז'ן 7־טען סעפטעמבער. א גרויסע דעלעגאציע ווערט ערווארט פון פראנקרייך מיט'ן אנטייל פון אחוו. בערנהיים, אחוו. קארקא און אנדערע. אין דער עגיפטישער דעלעגאציע וועט זיך בעטייליגען דער אויבער־רא־בינער פון קאיר הרב חיים נחום עפענדי, דער אויבער־ראבינער פון אלעקסאנדריען, פראפ. פראַ־מא און קאמאני פאשא.

עס ווערען אויך ערווארט פארשטעהער פון פוילען, בעלגיען, רומעניען, בולגאריען, ענגלאנד, טוניס, מאראקא, דענעמארק, יוגאסלאוויע, טשעכא־סלאוואקיי און אנדערע.

דער וועד־הלאומי פון א"י האט בעשטימט 6 דעלעגירטע, דערונטער מאיר דיזענגאף, הרב מאיר בערלין, דר. מאסינסאן און יוסף שפרינצאק.

געעפענט די סעסיע פון אדמיניסטראטיוו-קאמיטעט פון דער יודישער אגענץ

פראג 30 (יט"א). היינט פארנאכט איז גע־עפענט געווארען די סעסיע פון אדמיניסטראטיוו־קאמיטעט פון דער יודישער אגענץ.

פון לעמבערג זענען מצד די נישט־ציוניסטען צו דער סעסיע געקומען דר. עמיל נאטאנסאהן און דר. יוזעף פרנס.

יט"א דערוויסט זיך, אז די נישט־ציוניסטען זענען גרייט איינצוגעהן אויף פערקלענערען זייער 50־פראצענטיגען אנטייל אין די ארגאנען פון דער יו־דישער אגענץ בתנאי, אז דער ענין זאל בעהאנ־דעלט ווערען אין פריינדליכע בעדינגונגען און אז דער קאנגרעס זאל וועגען דער דאזיגער רעדוקציע נישט אננעהמען קיין אויסגעשפראכענע רעזאלו־ציע.

געשלאסען א פויליש-רומענישען האנדעלס-אבמאך

בוקארעשט (פאט) היינט איז דא אונטער־געשריבען געווארען א האנדעלס־אבמאך צווישען פוילען און רומעניען. דער אבמאך רעגולירט דעם סחורות־אויסטויש צווישען די ביידע מלוכות אויפ'ן יסוד פון געגענזייטיגע קאנטינגענטען. רומעניען האט בעקומען קאנטינגענטען אויף פרוכטען, קאנסערווען, זריעה, פעלען, צעלולאזע א. ז. וו. פוילען האט ווידער בעקומען קאנטינגענטען אויף רויה־מאטעריאלען, האלב־פאבריקאטען, קאָ־קוס־קויהלען, צינק א. אז. וו.

לייענט
„אונזער עקספרעס“

נישט שטערען, נור בויען!

(אנ'ענטפער אויפ'ן ארטיקעל „פאר־וואס פערלאזען שילער די יודישע גימנאזיע?")

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אויבענדערמאנטען ארטיקעל, וואס איז פערעפענטליכט געווען אין „ראדאמער עקספרעס" נר. 8 וויל איך, אלס פאטער פון א קינד, וואס איז שוין איינינע יאהר שילער פון דער גימנאזיע „פרזשיאטשול וויעדזי", און אלס געוועזענער מיטגליד פון דער פערוואלטונג, וועלכער קען גוט די בעציהונגען און פעהעלטנישען אין דער דאזיגער גימנאזיע, צוליב דער טובה פון דער זאך און צוליב דעם, וואס דאס ריהרט אן א געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע, אויפקלערען דעם ענין.

שוין דער טיטול פון דערמאנטען ארטיקעל, האט מיך שטארק פעראינטערעסירט. איך בין געווען זיכער, אז דער מחבר וועט ווירקליך אנווייזען אויף די ריכטיגע און אמת'ע סיבות פון דער נישט־געווינשענער פאר דער נימנאזיע ערשיינונג פון כסדר'דיגען פערקלענערען זיך יאהר־איין יאהר־אויס פון דער צאהל שילער.

און סבות זענען, לײדער, דא גאנץ וויכטיגע. די גרויסע פעראַרימונג פון יודישען מיטעלשטאנד, פון וועלכען עס רעקרוטירט זיך דער רוב שילער אין גימנאזיע, דער גרויסער דלות, וואס הערשט שוין זייט א רייהע יאהרען צוליב'ן דויערענדען אין לאנד ווירטשאפטליכען קריזיס.

דער צו־הויכער שכר־למוד, וואס איז אגב פון נייעם שול־יאהר פערקלענערט געווארען אויף 25 פראצענט, וועלכער איז אפשר נאך אלץ נישט צוגעפאסט צו די איצטיגע קריסישע צייטען און וועלכער קען אבער צוליב דער קליינער צאהל שילער און צוליב דער גרויסער צאהל אולגעס, וואס ווערט געגעבען נישט־פערמעגליכע עלטערען, כמעט נישט פערקלענערט ווערן; דאס ווייניגע פעראינטערעסירען זיך פון דער יודישער געזעלשאפט מיט די אנגעלעגענהייטען פון א יודישער מיטעל־שול, וואס איז און ברויך אייגענטליך זיין א כלל־זאך — אט דאס זענען די וויכטיגע סבות פון דעם איצטיגען טרויעריגען מצב נישט נאר פון דער ראדאמער נאר אויך פון א גאנצער רייהע יודישע גימנאזיע'ס אין פוילען.

אנשטאט אלזא אנצוווייזען אויף די אויבענאויסגערעכענטע סבות און בעמיהען זיך טאקי דורך דער פרעסע צו וועקען די אויפמערקזאמקייט פון דער יודישער געזעלשאפט צו די ענינים פון דער יודישער גימנאזיע אין ראדאם, כדי צו שאפען פאר איהר א פעסטערען מאטעריעלען באדען, קומט דער מחבר פונ'ם ארטיקעל, „פארוואס פערלאזען שילער די יודישע גימנאזיע" מיט א אומנעלומפערטער שפאגעל־נייער טענה, נעמליך. אז „איינער פון די פאקטארען, וואס גראבט אונטער די עגזיסטענץ פון דער שולע, איז די נישט געווינשענע קינסטליכע אטמאספער, וואס הערשט דארטען" און אז „שולדיג זענען געוויסע לעהרער, וועלכע „טהוען אפ אפילו קליינע קינדער צרות און מאראלישען זין פון ווארט" און טוהן „אויף צו להכעיס" אי דעם שילער אי די עלטערען". צום סוף פונ'ם ארטיקעל קומט דער מחבר מיט מוסר־רייד, אז „עס מוז אויפהערען דער האס און שנאה צום קינד" און „זאל די שולע נישט זיין א גיהנום(?!), וואו דער שילער זאל ציטערן פאר'ן לעהרער אדער לעהרערין..."

איך קען בשום אופן נישט פערשטעהן, וואס האט דעם מחבר בעוואויגען צו קומען צו דער עפענטליכקייט מיט אזעלכע אבסאלוט נישט־ריכטיגע און גענצליך פאלשע בעשולדיגונגען געגען דער יודישער גימנאזיע אין ראדאם בכלל און געגען די לעהרער בפרט.

ווי איך האב שוין אויבען דערמאנט, בין איך געווען פערוואלטונג'ס־מיטגליעד אין דער גימנאזיע, וואו איך האב בייגעוואוינט אלע כמעט עלטערען פערזאמלונגען און זיך קיינמאל נישט געטראפען מיט וועלכער ס'איז בעשולדיגונג פון דעם מין אדער מיט דעם מינדעסטען פארוואורף פון וועמען אויפ'ן אדרעס פון די לעהרער. איבריגענס, איך אליין האב א קינד אין דער גימנאזיע גאנצע 3 יאהר, פון דער נידריגסטער קלאס אן; האב אבער קיין מאהל נישט געהערט פון איהם וועגען דער מינדעסטער עוולה, וואס האט געזאלט געגען איהם אדער געגען אנדערע שילער ווערען בעגאנגען דורך וועלכען־ס'איז לעהרער.

איך האב אבסאלוט נישט בדעה צו נעמען אונטער מיין שוץ די גימנאזיע־לעהרער. איך גלויב, אז זיי אליין קענען און וועלען ווי געהעריג רעאגירען אויף אזא מין אומבעגרינדעטער בעשולדיגונג.

למען האמת מוז אבער פעסטגעשטעלט ווערען, אז די בעציהונג פון די לעהרער צו די שילער איז נישט נור א קארעקטע, נור א קאלעגיאלע, א ווארימע. איך קען אויך פעסטשטעלען, אז א דאנק דער אפפערוויליגקייט פון אלע לעהרער און די מאטעריעלע קרבנות, וואס זיי ברענגען כסדר פאר דער שולע, (עס קומט זיי נאך פאר 5 חדשים געהאלט פון פערגאנגענעם שול־יאהר) עגזיסטירט ווייטער די יודישע גימנאזיע אין ראדאם. דאס פערשטענדניש פון די לעהרער און דאס אין־אכט־נעמען פון די זעלבע די איצטיגע מאטעריעלע פערהעלטענישען פון דער שולע דערגרייכט שוין אזוי ווייט, אז זיי האבען דאס יאהר רעזיגנירט פון פעסטבעשטימטע געהאלטען, איינשטימענדיג צו פונאנדערטיילען צווישען זיך די איינגעפלאסענע געלדער אלס שכר־לימוד.

וואס אנבעלאנגט ווידער די יודישע עלטערען, וועלכע טראגען איבער זייערע קינדער אין א נישט־יודישער מיטעל־שולע, קען מען נאר אויף דעם ארט אויסדריקען פערדרוס און טאדלען דעם דאזיגען שריט זייערען אלס א נישט־בערעכענטען און שטארק נישט־געווינשענעם פאר דער ווייטערער עגזיסטענץ פון דער יודישער גימנאזיע. די אטמאספער ווידער, וועגען וועלכער דער מחבר פון ארטיקעל רעדט אזוי פיל, אין די נישט־יודישע מיטעל־שולען אין בעצוג צו יודישע שילער, איז זיכער נישט קיין בעסערע ווי אין דער יודישער. אויב איינינע עלטערען מאכען דעם דאזיגען נישט־געווינשענעם פאר דער יידישער גימנאזיע שריט, איז עס נאר דערפאר, וואס זיי זענען שולדיג געבליבען פון די פערגאנגענע יאהרען געוויסע סומעס און ווילען אזוי ארום פטור ווערען פון די דאזיגע חובות. צי דאס איז ריכטיג, זאלען זיי אליין אורטיילען.

איך געפון אלזא פאר נויטיג און נוצליך צו ווארנען די עלטערען און די גאנצע יודישע געזעלשאפט אין ראדאם פאר אזעלכע אונפעראנטווארטליכע און בייזוויליגע ארויסטריטען פון אומבעקאנטע מחברים, וועלכע זענען, ווי עס ווייזט אויס, נור אויסען בעוואוסטזיניג צו שאדען דעם גוטען נאמען און די אינטערעסען פון דער איינציגער אין ראדאם יודישער מיטעל־שולע.

שטירצען איז לייכט, בויען איז אבער שווער.

שמחה ווייך.

בריעף אין רעדאקציע

מיר האבען בעקומען פאלגענדען בריף מיט דער ביטע צו פערעפענטליכען.

ג. ה' רעדאקטאר!

איך האב געלייענט אין אייער צייטונג צוויי ארטיקלען וועגען דעם פרייז פאר עלעקטרישע בעלויכטונג אין ראדאם. איך האלט, אז אלע אייערע מיינונגען זענען גערעכטע אזן אז מען דארף ווי ווייט מעגליך אויסצוקעמפען א ווייט־געהעגדע הנחה. דער פרייז אין ראדאם פאר'ן עלעקטרישען שטראם איז איינער פון די טייערסטע אין פוילען. פארוואס זאלען מיר זיין גלייכגילטיג? היינט, ווען אלץ איז ביליגער איז די עלעקטריע געבליבען אויף דעם זעלבען ארט. איך למשל, א האנדווערקער, וועלכער בענוצט צום פאקאסך עלעקטריע, קען ביי דער היינטיגער קריטישער צייט נישט צאהלען 80 גר. פאר א קילאוואט. איך מיין, אז אזעלכע ווי איך זענען פארהאן אין ראדאם אין די הונדערטער.

מיר דארפען אלע צוזאמען געגען דעם אנהויבען א קאמף ביז צום נצחון.

און איהר, ה' רעדאקטאר, דארפט אייער צייטונג שטעלען צו פערפיגונג אין קאמף מיט די בעלגישע מאגנאטען.

מיט אכטונג

מ. פרידמאן.

עהרען־יובילייע פון עלטסטען ראדאמער פוילישען סוחר און כלל־טהוער

צוליב זיין 40־יעהריגער סוחרישער און כלל־טהוערישער טעטיגקייט קומט פאר דעם 7 סעפטעמבער ד. י. א עהרען־יובילייע פון עלטסטען ראדאמער סוחר און כלל־טהוער סטאניסלאוו וויעזשביצקי, פארזיצער פון פוילישען סוחרים־פעראיין, בייראט'ס־מיטגליד פון סאסנאווצער האנדעל'ס־קאמער און מיטגליד פון אויפזיכט'ס־ראט ביים מאגיסטראט.

דעם יובילייע ארגאניזירט א אויספיהרונג'ס־קאמיטעט אין וועלכען עס זענען פערטרעטען ה"ה באגאצקי, בורשטין, דעדא, פאלקיעוויטש, גאלענזאווסקי, וואנאווסקי, קארש, ד"ר קלאנאווסקי, קוראווער, לאגאדזינסקי, אינזש. אלדאקאווסקי, פיאטראווסקי, פשיביטניעווסקי, פשיאלקאווסקי, פשיליסקי, רעגענט סוכאנסקי, סיבילסקי און זשאק.

אויסער דעם איז ענטשטאנען א עהרען־קאמיטעט אין וועלכען עס געהען אריין די ה"ה: ריכטער בעקערמאן, סענאטאר ברון, ד"ר טשערניכאווסקי, דיר. דיר. דיעטריך, פרעזעס סאדאווסקי, פרעזעס הערזע. דיר. יאקובאווסקי, דיר. יאסטזשעמבסקי, פולק. יאזשדזינסקי, דיפל. פולק. קאווינסקי, פרעזעס קיטיינאוויטש, קאנ. גאולעוויטש, דעפ. אשינסקי, קאמיס. פיעטרושעוויטש, אדוו. פשילענצקי, סאסקי, מינ. טארגאווסקי, דיר. ווענצעל, דיר. זאקזשעווסקי.

עס וועט פארקומען אין דעם טאג פייערליכע גאטעס־דינסטען אין די קירכען און אין אווענד א באנקעט אין האטעל־זשימסקי.

עס ווערט אויך איניצירט א ביבליאטעק ביי דער האנדעלס־שולע אויף דעם נאמען פון דעם יובילאט און זיין פרוי.

Dr. Med. L. FASTMAN

spec. chorób uszu, nosa i gardła

RADOM, SIENKIEWICZA 12

Tel. 21-21.

POWRÓCIŁ

i wznowił przyjęcia.

PRACOWNIA

ubiorów damskich i futer

LEON WULC

Radom, Moniuszki Nr. 16

נעמט אן בעשטעלונגען פון אייגענע און אנפערטרויטע מאטעריאלען אין פוטער.

ביליג, גיכע אויספערטיגונג, סאלידע בעהאנדלונג לעצטע פאריזער און וויענער מאדעלען אויפ'ן הערבסט־ווינטער־סעזאן 1933-34

Kino „APOLLO"

wyświetla wielkie arcydzieło p. t.

Dziwny Dom

z Borisem Karloffem

Człowiekiem o 100 twarzach

Ceny wszystkich miejsc — za wyjątkiem lóż — 49 gr.

קינא־רעפערטואר

APOLLO	—	משונה'דיג הויז
CZARY	—	מאסקעס פון ד"ר פו־מאן־טשו
ZNICZ	—	דאס שווייגענדע מויל

אפטייק־דיזשור

היינטיגענאכט דיזשורירט די אפטייק קאספזשיקאווסקי רינעק 13

אמבעסטען

וואשט און פארבט די כעמישע פראלניע

M. CICHOŃ

רוויינסקא 23, זשעראמסקי 27, סלאוואצקי 25

פרובירט און איבערצייגט אייך!

Pijcie śmietankę

„SIGALINA"

polecona przez największe sławy lekarskie.

אבאנירט

דעם „ראדאמער עקספרעס"

לאדזער דאמען־שניידער

ב. שטייגמאן-B. Sztajgman

ראדאם, לובלינער 14 (פארטער לינקס)

נעמט־אן אויף דעם נאהנטסטען סעזאן בעשטעלונגען פון אנפערטרויטע מאטעריאלען. פערטיגט אויס די ארבייט לויט די נייעסטע מאדעלען.

ביליגע פרייזען. סאלידע בעהאנדלונג.

Druk N. H. Żabnera w Radomiu

Redaktor i wydawca: Jakób Chwąt